Nr. 9 פרייז 20 גראשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

Bibl. Jagiellońska Kraków

טשענסטאכאווער צייטונג

אנאָנסען-פרייז פאַר אַ מילימעטער שורה:
פאַר׳ן טעקסט 40 גראָשען נאָכ׳ן טעקסט 20 גראָשען
אין טעקסט 60 גראָשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האַלט 8 אַנאָנסען שפּאַלטען.

ערשיינט יעדען פרייטאַג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע נר. 6. — טעלעפאָן נר. 22-01

אַבאָנאַמענטס פרייז אַ נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 22-01.
פאַר׳ן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך.

Częstochowa, Piątek 3 marca 1939 — ליכט-צינדען 5.— — פרייטאג י״ב אדר פ׳ תצוה תרצ״ט

NAUCZAM:
Galanterii skórzanej, kwiatów, celofanów oraz wszelkich ozdób do sukien
Wiadomość:
ROTBARDÓWNA, Częstochowa
Aleja 20, II brama.

Samodzielna buchalterka
do fabryki
potrzebna od zaraz.
Zgłoszenia pisemne do redakcji dla B.

Zgubiono
świadectwo 6-ciu klas na nażwisko Samuela Fajfra wydane przez Gimn. Bisk. im. T. Kościuszki unieważnia się.

וויעלון וויעלון
וואוינונגען צו פערדינגען
צו איין שטוב מיט אַ קוך און צו 2 שטובען מיט אַ קוך. מעסיגע פרייזען. לייזעראָוויטש, קאָנסטיטוציגאַ 3.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.
מאַכט בעקאַנט, אז איצט ווערט געוואַשען מיט אַ הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואָס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען.
כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאַפט האָבען מיר
פערביליגערט די פרייזען:
אַ קאָלנער מיט אַ הערליכען גלאַנץ 12 גר.
אַ העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואַשען און פאַרבען. פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ׳ן אָרט.
ספּעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

איך לערן אויס גרונדליך ענגליש, דייטש, לאַטיין, מאַטעמאַטיק
צו מעסיגע פרייזען
ערקינדיגען זיך אין רעדאַקציע.

מיין פריינד **יודל גוטפריינד**
צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **האַנקאַ גאָלדראַט** פון פּראַסקע
ווינש איך פיעל גליק
מאָניעק כמורא. וויעלון

אונזער ג׳ פערוואַלטונגס-מיטגליד ה׳ מאכיל לועל און פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **פערל** מיט ה׳ **חיים זיגעלמאַן** פון פּראַסקע
ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט
די פערוואַלטונג פון דערנעהרונגס צעך אין וויעלון

צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג!
היות ווי די שעכט הייזער: וואַרשאַווער 37 און אַלעע 21 זענען דורך דער מאַכט געשלאָסען געוואָרען צוליב דער נויטווענדיגקייט אַדורכצופיהרען אַ גרינדליכען רעמאָנט, ווערט די יודישע בעפעלקערונג אויפגעפאָדערט צו שעכטען עופות **נאָר אין שעכט-הויז ביים בית-המדרש (נאַדוושעטשנאַ 26).**
עופות פון אַנדערער שחיטה טאָרען נישט גענוצט ווערען און אַ חוץ, וואָס זיי זענען טריפה, וועלען די אייגענטימער האָבען אונאַנגענעמליכקייטען.
איינצייטיג ווערט בעמערקט, **אַז קיין שום קהלה-שוחט וועט נישט שעכטען ביי זיך אין וואוינונג.**
די בעפעלקערונג דאַרף זיין געוואָרענט ביים קויפען געשאָכטענע עופות, דאס זיי זאָלען זיין פלאָמבירט.
ביר״צ און קהלה
טשענסטאָכאָוו, ד׳ לחודש אדר תרצ״ט.

דער הורט און דעטייל-לאַגער פון
פאַרצעלאַן, גלאַז, פּאַיאַנס און שויבען
A. LEWKOWICZ, I-sza ALEJA 3.
dawn. B. SACHSENHAUS
בעזיצט אַ גרויסען אויסוואַהל און עמפּפעהלט זיך דער ג׳ קונדשאַפט.
רעיעלע בעהאַנדלונג. — הורט און דעטייל. — ביליגע פרייזען

יוד. טורן און ספּאָרט-פעראיין **„מכבי" אין וויעלון.**
דער **טראַדיציאָנעלער פורים-באַל**
(מאַסקאַראַדע) מיט׳ן אנטייל פון די בעריהמטע ארטיסטען **א. שטיין** און **יוליאַ פלוים** וועלכע וועט פאָרקומען דעם 5 מערץ ה. י. אין זאַל „מכבי". אָנהויב 9 אָוועגד. מאַסקעס נישט פערפליכטענד. רייכער און געשמאַקער בופעט אויפ׳ן אָ״ט. 2 אָרקעסטערס. ביים קלאַוויר: ר. קרעמער

PODZIĘKOWANIE.
Serdeczne „Bóg Zapłać" p. **Goldsteinowi** oraz p. **D-rowi Mikulskiemu** za przeprowadzenie operacji syna naszego, jak również wszystkim lekarzom i personelowi Szpitala Żydowskiego na Zawodziu za czułą i troskliwą opiekę
składa RODZINA ZŁOTNIK
Garncarska 59.

בברכת מז״ט אנו מברכים את מרת **פרימעט שייקאָוויטש ומשפחתה**
לרגלי נשואי בנה היקר והנעלה מר **שרגא פייביל** יחי׳
את מ׳ית **רוזשקאַ פרעזעראָוויטש** תחי׳
יזרח מזלם כשמש בצהרים עד בלי שמים.
אליעזר הלוי רוזנבום ומשפחתו.

מזל-טוב און פיעל גליק צו דער חתונה פון אונזער ליבען קוזין
פייוויל שייקאָוויטש מיט פרל. **רוזשקאַ פרעזעראָוויטש**
די מוטערס — צו זעהען ביי זיי אַ סך נחת, ווינשען
שמעון באָטשאַן און פרוי

בברכת מזל-טוב אנו מברכים את **שרגא שייקוביץ**
לבואו בברית הנשואים עם בח״ל **רוזשקה פרזרוביץ**
יהא רעווא שזוגם יעלה יפה
מ. זלצר וכלתו, פ. וינשטוק.

את חברנו הנכבד מר **שרגא שייקוביץ**
לנשואיו עם בחירת לבו **רוזשקה פרזרוביץ**
הננו מברכים בברכת מזל-טוב
הועד של „אחדות ישראל".

ברכות מאליפות לחברינו וידידנו **שרגא שייקוביץ**
לנשואיו את העלמה **רוזשקה פרזרוביץ**
יהא רעוא שזוגם יעלה יפה.
אברהם אופמן ורעיתו

מזל-טוב
צו דער חתונה פון ה׳ **הענריק אַלטמאַן** מיט פרל. **סטעלאַ פליגעלמאַן**
די עלטערן פיעל נחת ווינשען
שרה׳לע און ש. פראַנק

צו דער חתונה פון
ה׳ **הענריק אַלטמאַן** מיט פרל. **סטעלא פליגעלמאַן**
אַ הארציגען מזל-טוב, די עלטערן — פיעל נחת.
משה שטאהל און פאמיליע

Z intencji zaślubin p. STELLI FLIGELMANÓWNY
z p. HENRYKIEM ALTMANEM
życzą duzo szczęścia i pomyślności
ZOBERMANOWIE

משתתפים אנו בצערו הגדול של חבר מועצת הקהלה
מ׳ יצחק מאיר קרעל
למות בתו
נ״ע יוכבד רבקה דאנקאוויטש
בתוך שאר אבלי ציון ינוחם.
מועצה וועד הקהלה העברית בצינסטוחובה.

הננו מביעים בזה את רגשי השתתפותינו החמה בצערם של מחותננו היקר הרבנו מו״ה
ר׳ יצחק מאיר קרעלל נ״י ומשפחתו
למות עליהם בתו ואחותם העדינה החביבה
נ״ע יוכבד רבקה דאנקאוויטש
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ולא יוסיפו לדאבה עוד.
מאיר אייזנבערג ומשפחתו, קיעלץ.
צבי אייזנבערג. צערכם צערי

Zarząd Stowarzyszenia Przemysłowców i Kupców w Częstochowie
zawiadamia pp. członków, że
w niedzielę 12 marca r. b. o godz. 3 30 po poł.
odbędzie się w lokalu własnym przy ul. Aleja Wolności 3—5
Zwyczajne Walne Zgromadzenie
członków Stowarzyszenia z następującym porządkiem dziennym: 1. Zagajenie zgromadzenia, 2. Wybór przewodniczącego walnego zgromadzenia, 3. Odczytanie protokułu walnego zgromadzenia z dn. 20 marca 1938 r., 4. Zatwierdzenie sprawozdania za rok 1938, 5. Uchwalenie budżetu na rok 1939, 6. Wybór 5-ciu członków zarządu i zastępców oraz 5 członków komisji rewizyjnej. 7. Wolne wnioski.

Uwagi: 1. W razie nieprzybycia w oznaczonym terminie przewidzianej statutem liczby członków, odbędzie się tegoż dnia o godz. 4.30 po poł. zebranie w drugim terminie prawomocne bez względu na ilość obecnych. 2. W myśl § 32 Statutu mają członkowie Stowarzyszenia prawo przedstawienia wniosków na Walne Zgromadzenie jedynie na 10 dni przed terminem Zgromadaenia. 3. Ustępują z Zarządu po wylosowaniu, zgodnie z art. 17 statutu pp. J. Engel, M. Praport, Z. Rotbart, J. Szlezynger i I. Rząsiński. Ustępujący z Zarządu mogą być ponownie wybrani (§ 17 statutu).

Kochanej **Różyczce Dankowicz** i Jej Ojcu
serdecznie współczują z powodu zgonu Ich
b. p. MATKI i ŻONY
Kierownictwo, Opiekunka,
Koleżanki i Koledzy kl. II
Szkoły im. Z. Wajnsztekówny.

די לעצטע התראה.
איך פאָדער אויף צום לעצטען מאָל דעם ה׳ **ישעיה שמולעוויטש** און זיין זוהן **זלמן דוד שמולעוויטש** אין וויעלון צו ערלעדיגען לויט דער דין-תורה פון בית-דין אין וויעלון ביים הב ר׳ חנוך יוסטמאַן דעם צוגעפּסק׳ענטען נדן און קנס-סומע פון 1974 זל. אין פערלויף פון 8 טעג. אין געגענפאַל וועל איך זיין געצוואונגען די זאַך איבערצוגעבען צו דער פראָקוראַטור און זי צו פערעפענטליכען בפני קהל ועדה.
אין נאָמען פון מיין שוועסטער
ישעיה אַבראַמטשיק, פּאַביאַניץ

ס'איז פארט נישט צו פערשטעהן...

מיר זענען טאקי די לעצטע יאהרען געוואוינט דערצו מען זאל אפען און פריי, אומגעשטערט פון קיינעם, רופען צו באיקאטירען די יודישע סוחרים און האנדווערקער און דערביי אונז זידלען מיט די ערגסטע זלזולים, וואס קוואליפיצירען זיך פאר'ן שטראף קאדעקס. דאך אבער ביי יעדעס מאל, ווען עס קומט פאר די אקציע הויבט אן אין מח צו פיקען דער געדאנק, צי אזעלכעס מעג פאסירען.

מיר, יודען, וועלכע זענען אין משך פון לאנגען גלות אדורכגעגאנגען די שבעה מדורי גיהנום, האבען זיך אויסגעלערנט שווייגען, אפילו דאמאלס, ווען מען דארף מאכען הימעל שרייענדע קולות, מיר, וועלכע האבען זיך ערצויגען אויף דער לעהרע פון די נביאים, וועמענס יסוד פון לעבען איז גערעכטיגקייט, האבען דאך אין משך פון דורות צוגעקוקט, ווי די דאזיגע גערעכטיגקייט ווערט געטרעטען מיט ברוטאלע פיס און געשוויגען.

אפילו דאמאלס ווען מיר זענען געווען אריינגעשטיפט אין דער געטא, ווען דאס גאנצע רשעות פון דער וועלט האט זיך אויסגעגאסען אויף אונזער לעבען, ווען מיר זענען אויסגעשטעלט געווארען צו שאנד און צו שפאט און אונזער כבוד און לעבען איז געטרעטען געווארען מיט די פיס, האבען מיר אויך אין אונזער גרויסען אומגליק געטראגען אין הארצען דעם געדאנק וועגען גערעכטיגקייט און יושר, וואס מוז זיין דער פרינציפ פון דער וועלט און אהן וועלכען זי קאן נישט האבען קיין קיום.

אז לעבען מיר היינט אין א וועלט, וועלכע פרעטענדירט צו זיין די פערשפרייטערין פון הומאניזם און דאך זענען מיר יודען אויסגעשלאסען פון דעם אלעם, אויף אונז גילט נאך דער אלטער כלל פון בארבארישע מעטאדען.

מיר האבען אומעטום ביינעטראגען אונזער חכמה און ענערגיע. די אומות העולם האבען דערפון גענאסען אין דער פולער מאס און בעצאהלט האט מען אונז מיט שטיינער און גזירות רעות.

מיר זענען טרייע בירגער פון פוילען. מיט אונזער שווייס און בלוט האבען מיר אין אלע שווערע צייטען פאר'ן לאנד זיך געאפפערט; מיט שמחה זענען אונזערע טאטעס און זוהן געגאנגען אויף דער תליה, כדי פוילען זאל זיין פריי און אומאבהענגיג און אויך איצט שטעהט דער גאנצער יודישער קיבוץ אין פוילען גרייט, ווי איין מאן צו פערטיידיגען מיט'ן בלוט פון הארצען יעדען שפאן ערד פון אונזער פאטערלאנד-פוילען און דעריבער, אויב מען קאן פריי און אפען אגיטירען, אז מען זאל אונז באיקאטירען, אויב מען קאן אונז זידלען און בעליידיגען און די גערעכטיגקייט שווייגט, איז עס פארט נישט צו פערשטעהן.

מיר ווייסען טאקי, אז טראץ דעם, וואס די וועלט ריהמט זיך מיט איהרע הויכע מענשליכע פרינציפען, האט זי אבער אנ'אנדערע מאס פאר די יודען, און דאך, אז דאס אלץ, וואס ווערט געגען אונז אנגעווענדעט זאל ווערען געטהון לעיני השמש, אפען און פריי, איז פארט נישט צו פערשטעהן...

ש.

צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג!

דער הילפס קאמיטעט פאר די פליטים, וועלכער איז געשאפען געווארען אין אונזער שטאדט בעת מיר זענען ארויסגעטריבען געווארען פון דייטשלאנד האט זיך געשטעלט פאר אנ'אויפגאבע: 1) געבען צייטווייליגע הילף, 2) העלפען עמיגרירען מעבר-לים די, וועלכע האבען דערצו געהאט די בעדינגונגען און 3) שאפען פאר די איבריגע קאנסטרוקטיווע הילף.

ליידער האט דער הילפס-קאמיטעט נישט ערפולט די דאזיגע אויפגאבען.

איצט האט זיך דער הילפס קאמיטעט ליקווידירט, לאזענדיג אונז, אנ'ערך פון 130 נפשות, אהן שום הילף און אהן אויפזיכט.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג מיט אנ'אפעל רחמנות צו האבען אויף אונזער לעבען און אונז נישט לאזען אונטערגעהן.

דער אלטער קאמיטעט איז אוועק. אפשר וועלען זיך געפונען מענשען מיט הערצער, וועלכע זאלען בילדען א נייעם פליטים קאמיטעט און העלפען אונז ארויסראטעווען פון אונזער שרעקליכער נויט.

מיר זענען פערצווייפעלט, לאזט דעריבער אונז נישט אויסגעהן פון הונגער און נויט!

מיר האפען, אז אין אזא עיר ואם בישראל, ווי טשענסטאכאוו, וועלען זיך נאך געפונען אזעלכע מענשען, וועלכע וועלען פערשטעהן אונזער לאגע און זיך פערזינטערעסירען מיט אונזער שווערען גורל.

אין נאמען פון די אומגליקליכע פליטים אין טשענסטאכאוו

י. בראניאטאווסקי, ס. ליכטער, א. בערלינער, ס. קאלבער

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— צווישען דער וועלט ארגאניזאציע „מזרחי" און דער וועלט-ארגאניזאציע „אגודת-ישראל" איז אין לאנדאן געשלאסען געווארען אנ'אבמאך וועגען געמיינזאמער ארבייט לטובת ארץ-ישראל. מיט דער אקציע וועט אנפיהרען א געמיינזאמער קאמיטעט, וואס איז געשאפען געווארען.

— דאס איטאליענישע האנדעלס מיניסטעריום האט ערטיילט דעם פליטים-הילפס-קאמיטעט דאס רעכט צו טראנספערירען אין אויסלענדישער וואלוטע א טייל פון די פערמעגענס פון די אויסלענדישע יודען, וועלכע דארפען ביז'ן 12 טען מערץ פערלאזען איטאליען. די טראנספער-בעשטימונגען זענען אבהענגיג פון לאנד, וואו די דעוויזען דארפען איבערגעפיהרט ווערען. דער פערלוסט בעטרעפט פון 25 ביז 38 פראצענט פון קאפיטאל.

— אין ווארשא איז פארגעקומען דער לאנד צוזאמענפאהר פון דער געזעלשאפט צו פערשפרייטען מלאכה צווישען יודען „ארט" אין פוילען. אין צוזאמענפאהר האבען אנטיילגענומען אין ביר 100 דעלעגאטען פון גאנצען לאנד.

— די אנטיסעמיטישע איינפלוסען אין טשעכאסלאוואקיי פערשטארקען זיך. די אינזשינירען קאמער האט אנגענומען א בעשלוס אויסצושליסען די יודישע מיטגלידער. דער דאקטורים-ראט האט זיך ארויסגעזאגט געגען צונעמען יודען אויפ'ן מעדיצינישען פאקולטעט.

— דער איטאליענישער אויסערן-מיניסטער טשיאנא, וועלכער האט געווילט אין ווארשא מיט זיין פרוי, האט אויך בזוכט קראקא. אין צוזאמענהאנג מיט טשיאנא'ס בזוך אין פוילען האט דאס אויסערן מיניסטעריום פערעפענטליכט א קאמוניקאט וועגען פערשטארקטע פריינדליכע בעציהונגען צווישען פוילען און איטאליען.

— קיין ווארשא קומט היינט דער רומענישער אויסערן מיניסטער גאפענקו. צוזאמען מיט איהם קומען אויך רומענישע זשורנאליסטען.

— אין א"י זענען פארגעקומען פיעל טעראר-אקטען און באמבען-אטענטאטען אין חיפה, ירושלים און יפו. עס זענען אומגעקומען פיעל אראבער. אין צוזאמענהאנג מיט די אטענטאטען, זענען ארעסטירט געווארען פיעל רעוויזיאניסטען. דער מיליטערישער קאמענדאנט פון דיסטריקט האט ארויסגערופען צו זיך דעם תל-אביבער בירגערמייסטער און געדראהט אנצווענדען לגבי יודען הארבע מיטלען אויב די געשעהענישען וועלען זיך איבערחזר'ן. די תל-אביבער שטאדט-פערוואלטונג האט ארויסגעגעבען אנ'אויפרוף צו דער בעפעלקערונג פארטצוזעצען די הבלגה.

— אין מאסקווע איז געשטארבען אין עלטער פון 70 יאהר די אלמנה פון לענינען, נאדיעזשדא קרופסקאיא.

— די איטאליענישע מאכט האט בעפוהלען צו פערלאזען דאס לאנד 3 אויסלענדישע זשורנאליסטען, צווישען זיי דעם קארעספאנדענט פון פאריזער טאן.

— די ניי-געשאפענע בעלגישע רעגירונג פון פרעמיער פירלא איז געפאלען צוליב דער שטעלונג פון די סאציאליסטען.

— דער מלוכה-פרעזידענט פראפ. מאשטשיצקי איז זייט עטליכע טעג נישט געזונד און פערלאזט נישט ס'בעט.

— דער פראנצויזישער מיניסטערן-ראט האט בעשלאסען צו אנערקענען דע יורע די רעגירונג פון גען. פראנקא אין בורגאס.

אויך די ענגלישע רעגירונג האט אנגענומען א בעשלוס צו אנערקענען די פראנקא-רעגירונג.

— אויפ'ן דאנציגער פאליטעכניקום זענען ווידער פוילישע סטודענטען בעפאלען געווארען דורך גרופעס דייטשע מונדורירטע סטודענטען. אויפ'ן פערלאנג פון דער פוילישער רעגירונג איז דאס פאליטעכניקום צייטווייליג געשלאסען געווארען.

— דער נייער בריטישער ענטשיידונגס-פלאן, וועלכער איז מיטגעטיילט געווארען דער יודישער דעלעגאציע אויף דער לאנדאנער קאנפערענץ, אז עס זאל געשאפען ווערען אנ'אומאבהענגיגע פאלעסטינישע מלוכה מיט אנ'אראבישער מלוכה, האט ארויסגערופען א שטורם פון פראטעסטען אין דער גאנצער יודישער וועלט און אין דער ערשטער רייה אין א"י. דער דאזיגער פלאן בעדייט די ליקווידאציע פון דער באלפור-דעקלאראציע.

— די קאנפערענץ פון אלע יודישע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס פון ישוב, וואס איז גערופען געווארען דורכ'ן ועד הלאומי, האט זיך פערענדיגט מיט דער פראקלאמירונג פון א נייער פאליטיק פון יודישען ישוב.

די אנגענומענע רעזאלוציע פראקלאמירט א געמיינזאמע באזע פון גאנצען ישוב אונטער דער הויפט לאזונג „אחדות איבער אלץ".

די רעזאלוציע קינדיגט אן א פאליטיק פון „נאן-קאאפעריישאן" מיט דער ענגלישער רעגירונג אויפ'ן פאל, אויב עס וועט דעם ישוב אנגעווארפען ווערען א מינדערהייטס סטאטוס.

עס דערנעהנטערט זיך שוין דער ענדגילטיגער טערמין פון איינטוישען די צעכען-סטאטוטען

(א. וו.) אלע האנדווערקער-צעכען זענען פערפליכטעט, אין הסכם מיט די פערלאנגען פון אינדוסטריע-געזעץ, ביז'ן 30-טען יוני ד.י. איינצוטוישען די ביז איצטיגע סטאטוטען אויף נייע, וועלכע זאלען ארומנעמען אלע אויפגאבען פון די צעכען.

די פראצעדור פון בעשטעטיגען די סטאטוטען-ענדערונגען איז אביסעל געענדערט. אין דעם פאל, אויב די ערשטע אלג. פערז. אויף צו ענדערן די סטאטוטען האט נישט געגעבען די צאהל שטימען פון א העלפט וואהל-בערעכטיגטע מיטגלידער, קען די צווייטע אלג. פערזאמלונג פארקומען צו דעם צוועק במשך פון 4 וואכען צייט.

א חוץ דעם באדערט זיך ביים בעשלוס פון די סטאטוטען ענדערונגען א מערהייט פון 2/3 שטימען, אין דער צייט ווען אין אנדערע פאלען איז גענוג א געוועהנליכע מערהייט.

צוליעב דעם, וואס דער טערמין פון צונויפרופען די אלג. פערז. אויף די סטאטוטען ענדערונגען, איז פערהעלטניסמעסיג א קורצער, ווייל די איינלאדונגען מוזען ווערען ארויסגעשיקט 14 טעג פריהער און אויב די ערשטע איז נישט צושטאנד געקומען, פערפליכטעט ווידער דער טערמין פון ווייטערע 4 וואכען, דארפען דעריבער אלע צעכען אין זייער אייגענעם אינטערעס שוין מאכען די געהעריגע צוגרייטונגען צו דעם.

גלייכצייטיג מיט'ן פונאנדערשיקען די איינלאדונגען אויף די אלג. פערז. צו ענדערן די צעכען סטאטוטען, דארפען אויך געגעבען ווערען בעקאנטמאכונגען וועגען דעם ענין אין דער ארטיגער פרעסע.

מגילת איכה...

קליינער פעליעטאן

געטראכט האב איך אויפצושרייבען א פעליעטאן וועגען מגילת אסתר, מאכען א פערגלייך, אז פונקט אזוי ווי דאמאלס אין אחשורוש'ס צייטען ווען ס'איז געווען א המן, וועלכער האט זיך געשטעלט א ציעל להשמיד ולהרג את כל היהודים, אזוי איז אויך היינט פערהאנען א המן און נישט איין המן, נאר אין יעדער מדינה זענען פערהאנען געוויג המנס, וועלכע ווילען נאכמאלפעווען יענעם היסטארישען המן און פערענדיגען האב איך געוואלט דעם פעליעטאן פונקט אזוי ווי עס איז אין דער מגילה, אז טראץ די צרות, וואס מיר ליידען צוליעב די המנס, וועט דאך קומען די צייט, ווען די המנס וועלען א סוף איינעמען און מיר יודען וועלען ווייטער פייערען פורימס מיט נייע מאדערנע המן-טאשען.

אזוי האב איך געהאט בדעה צו טהון. ווען איך האב אבער זיך אנידערגעזעצט שרייבען האט די פעדער נישט געפאלגט מיין געדאנק און אנשטאט מגילת אסתר האט זי גאר אויפגעשריבען מגילת איכה.

לכתחילה, האב איך געוואלט אויסשטרייכען די אנגעשריבענע ווערטער און נעמען די פעדער, אז זי זאל שרייבען דאס, וואס איך וויל און נישט דאס, וואס איהר פערגלוסט זיך, איך האב אבער קאפריזען, איבערהייפט פון א בעשריבענעם גולם... נאר באלד האט מיר א בליק געטהון אין מח אבצוווארטען א מינוט און זיך צו פערטראכטען וועגען דעם [illegible].

אז די פעדער האט אויפגעשריבען מגילת איכה אנשטאט מגילת אסתר, ליגט דאך עפעס דערין בעהאלטען, האט עס דאך עפעס א בעדייטונג. און טראכטענדיג אזוי האבען פאר מיר אויפגעטויכט בילדער, וועלכע שפיעלען זיך אב אין לענדער און מדינות בימים ההם.

עס וויינט און קלאגט דאס דייטשע יודענטום אויפ'ן חורבן, וואס זיי איז געשעהן — מען האט זיי ארויסגעריסען פון זייערע איינגעפונדעוועטע פאזיציעס און זיי פערטריבען אין קיינעמס לאנד. וואלגערען זיך ארום צעהנדליגער טויזענדער יודען אהן א היים, אהן א דאך איבער'ן קאפ און אהן א מארגען, מען וויל זיי אין ערגיץ נישט אריינלאזען און נאך טויזענדער שטעהט פאר יעדע מינוט ארויסגעטריבען צו ווערען. און זיי האבען זיך נישט וואו צו ווענדען און צו קעהרען.

דער חורבן איז נאך גרעסער, וואס א וועלט מיט מענשען, אפילו אזעלכע, וועלכע פרעדיגען מענשען-ליעבע און ברידערליכקייט שווייגען אין אנבליק פון דעם גרויסען חורבן, וואס איז געשעהן דעם יודישען פאלק.

דאס זעלבע איז אין אנדערע לענדער. אין רומעניען, אונגארן, טשעכיען, טראכט מען נאר ווי אזוי די קינדער פון פאלק ישראל צו פערביטערען זייער לעבען, שאפענדיג אלץ נייע גזירות רעות. דער אונטערשיד פון דאמאלס פון יענע ווילדע צייטען ביז היינט איז דאס, וואס דאמאלס האט מען געפייניגט יודען אהן געזעצען און היינט מאכט מען עס אויפ'ן דעמאקראטישען געזעצגעבערישען אופן. די גזירות אבער זענען דיזעלבע און אפשר נאך גרויזאמער ווי אמאל.

אויך ביי אונז אין פוילען פעהלען נישט קיין נאכפאלגער פון די איראפעישע המנס, וועלכע ווילען ווערען גרויס, אנערקענט און זיך ארויפכאפען אויפ'ן פעדעסטל נאר מיט'ן אויסטראכטען גזירות אויף יודען.

גרויס איז דער חורבן פון יודישען פאלק, וואס דאס גרויס-בריטאניע, די דעמאקראטישע מלוכה, וועלכע זארגט אזוי לעצטענס פאר'ן דערהאלטען דעם שלום אויף דער וועלט, וועלכע פרעדיגט פרידען צווישען פעלקער און מענשען, האט נישט קיין פערשטענדניס פאר די נויטען פון יודישען פאלק און דאס וואס זי האט צוגעזאגט דעם יודישען פאלק צו שאפען א נאציאנאלע היים אין ארץ ישראל, ווערט איצט ביי דער ערגסטער צייט פאר'ן יודענטום, געבראכען און אנשטאט אונז צו הילף צו קומען אין דער שווערער צייט, צושטייסט זי אונז און מאכט אונז צו שאנד און שפאט צווישען די פעלקער אוועקרייסענדיג דעם הערליכסטען חלום פון א געפייניגט און נערודעט פאלק.

מאין יבא עזרנו? — שטעהט דאס יודישע פאלק און קלאגט — אז ארום און ארום זענען אונזערע הימלען פערוואלקענט. מען זעהט נישט קיין איין ליכטיגען שטראהל, פון וואנען עס קען קומען די ישועה.

גרויסע האפנונגען ווערען צורינען. חלומות, וועלכע האבען אין די שווערסטע צייטען געמונטערט דאס פאלק צו טהאטען ווערען צושטערט און אין הארצען הויבט אן צו נאגען א שווערער אומעט. ליכטיגע געדאנקען ווערען שווער ווי בליי און א טיעפער קרעכץ א פערצווייפעלטער וועהטאג רייסט זיך ארויס פון אונזערע ברוסטען.

מיר האבען לעצטענס נישט קיין איינפלוס אין דער וועלט, מען רעכענט זיך נישט מיט אונזער נוצען ברענגען דער וועלט אויף אלע געביטען, מיר זענען כצאן בלי רועה, פערבלאנדזשעטע, פערלאזטע פון אלעמען.

פערצווייפעלט שטעהט די יודישע מחנה, געגליכען צו די יעניגע, וועלכע בעקומען מיט א האמער איבער'ן קאפ. צעטומעלט און דערשראקען שטעהען מיר פאר דעם גורל, וואס האט זיך אראבגעלאזט אויף אונזער לעבען.

פערשידענע יודישע ארגאניזאציעס, וועלכע האבען די אויפגאבען צו היילען דעם קראנקען גוף פון צובראכענעם יודישען ארגאניזם, זענען אבהענגיג געווארען, דער חולה איז אזוי קראנק, אז דער רופא איז צוטומעלט און ווייסט נישט, וועלכע רפואות צו פערשרייבען.

מיר איז אויסגעקומען לעצטענס צו זיין אנוועזענד אויף א קאנפערענץ פון דער גרויסער וועלט-ארגאניזאציע: „ארט", וועלכע איז פארגעקומען אין ווארשא. איך האב געהערט די רעדעס פון די אנפיהרער און אנשטאט צו מונטערען, צו וועקען האפנונגען, צו שטארקען דעם יודישען בטחון האט זיך געהערט דער איכה ניגון. דאס זעלבע איז געווען אויף א צווייטע קאנפערענץ — פון יודענשטאטלער-ציוניסטען. אויך דארט האט, טראץ אלע, מען, וואס דאס איז א קאמפס-ארגאניזאציע, זיך אויך ווי א דין שנירעלע ארורכגעטראגען אנ'איכה ניגון.

אזוי איז אין דער גאנצער יודישער מחנה. סיי יחידים, סיי ארגאניזאציעס, הן פאליטישע, הן ווירטשאפטליכע והן קולטורעלע פיהלען א מידקייט, א פערצווייפלונגס-שטימע און דאס איז טאקי די סיבה, וואס מיין פעדער, האט זיך אנגעשטעקט מיט דער אלגעמיינער שטימונג און אנשטאט צו דערצעהלען וועגען דער ישועה, וואס איז געקומען אויף יודען אין אנ'עת צרה, וואס איז פערשריבען געווארען אין מגילת אסתר, האט זי גאר אויפגעשריבען מגילת איכה, וואס דערצעהלט וועגען חורבן בית המקדש, ווען דאס גאנצע יודישע פאלק האט זיך געפינען אין דער גרעסטער פערצווייפלונגס שטימונג און מאמענטאל איז נישט געווען קיין שום אויסוועג.

כ'וועל אבער נישט פערענדיגען מיין פעליעטאן מיט יענער איכה שטימונג, מיט וועלכער איך האב אנגעהויבען, אדער בעסער געזאגט, מיט וואס מיין פעדער האט מיך פראוואצירט. איך וויל יא טרייסטען מיין פאלק און זאגען: אמת, מיר געפינען זיך איצט אין דער גרעסטער עת צרה ליעקב, אבער זאגען, אז דער דאזיגער צושטאנד וועט חלילה אייביג דויערען, איז נישט אמת. והראיה, אויך אין מגילת איכה געפינען מיר צום סוף א טרייסט און אנ'אנזאג אויף בעסערע צייטען.

זאלען מיר דעריבער אויך איצט אין דער גרעסטער פערצווייפלונג לעבען מיט'ן בטחון, אז מיר וועלען דאך קאנען שרייבען אנ'אנדערע מגילה, א מגילה פון פרייד-לידער, פון נצחונות איבער אונזערע שונאים, וועלכע וועלען פערשוואונדען ווערען און דאס יודישע פאלק וועט אייביג לעבען און זיך דערמאנען מיט פרייד וועגען דער טרויריגער מגילה איכה...

סמאל

וואו קען מען געפינען א טעריטאריע?

פון פסח קאפלאן

דא און דארט זיצען אונזערע פריינד, אויך אונזערע אייגענע ברידער, און זוכען אויפ'ן גלאבוס אדער אויף דער מאפע ערגיץ-וואו א לאנד, וואו מ'זאל קענען אריבערפיהרען און קאלאניזירען די יודען, וואס ווערען ברוטאל ארויסגעשטויסען פון זייערע היימען.

זיי זוכען און געפינען נישט, ווייל די בעלעבאטים פון די לענדער האבען פעסט פערשלאסען די טויערן און לאזען קיין יודען נישט אריין הגם אין דער זעלביגער צייט שליסען זיי אב מאכען מיט רעגירונגען וועגען אימיגראציע אין די דאזיגע לענדער און הגם די זעלביגע בעלעבאטים טרייסלען זיך אב מיט אלע זייערע כוחות פון יעדען שייכות צום אנטיסעמיטיזם.

דוכט זיך אונז, אז זוכען די טעריטאריע דארף מען נישט אויפ'ן גלאבוס און אויך נישט דער מאפע נאר ביי זיך אליין. די מאסען עמיגראנטען דארפען זיך צופאסען צו די בעדינגונגען פון לעבען, וואס זיי וועלען דארפען פיהרען אין דעם נייעם לאנד און דאמאלס וועט שוין קיין טעריטאריע נישט פעהלען.

כמעט אלע לענדער אין דער גאנצער וועלט שטעהען איצט פאר דער גרויזאמער פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט אין די שטעדט און האבען דעריבער מורא ריזיקירען און פערגרעסערען די שטאדטישע בעפעלקערונג. פאר אגראר-ווירטשאפט זענען נאך אבער פערהאן אין דער וועלט אומבעגרענעצטע מעגליכקייטען; די איבער פראדוקציע וואס הערשט אין פערשידענע ערטער אויפ'ן דאזיגען געביט, וועט נישט קענען זיין קיין שטער. אויב אפילו מיליאנען מענשען זאלען זיך בעזעצען אויף פרייען באדען און לעבען פון זייער ערד.

אבער צו אזא אויסוועג מוז דער יוד זיך נאך צוגעוואוינען, נישט אזוי פיזיש אין פראקטיש. עלעהיי אין די ציוניסטישע הכשרה קיבוצים, נאר דער עיקר פסיכיש.

ווען מ'זאל א דייטשען יודען וואס זיצט און פייניגט זיך אין א קאנצענטראציע לאגער, ווייזען א בילד פון זיין קומענדיגען לעבען אין א קאלאניע, ביי דער ערד, וואלט ער זיך דאך אנגעכאפט דערין מיט ביידע הענד.

ווען מען האט די אמעריקאנער יודען, די אנטרונענע פונ'ם ענגלישען „בינעל פון פיין" צוגעזאגט א לאנד וואס פליסט מיט מילך און האניג האבען זיי דאך געוואוסט, אז די דאזיגע מילך און האניג פליסען נישט פון שטיין ארויס, נאר מען דארף דערצו איינפיהרען פיהצוכט און ביהנענצוכט, מעלקען קיה און קלויבען האניג. און געוואוסט האבען זיי, אז „ווער ס'קוקט אין די וואלקענס, דער וועט נישט זייען און עסען" און נאר „ווער ס'היט דעם פייגענבוים, דער וועט עסען פרוכט".

די וואנדער, וואס יודען בעווייזען איצט אין ארץ ישראל זענען טאקי נישט אבצושאצען און א גרויסע ראלע שפילט דא טאקע דער סענטימענט פאר דעם לאנד פון די אבות און אויך דער גלויבען, אז מ'בויט דא פאר זיך א נאציאנאלע היים. אבער אויך אין אנדערע לענדער, וואו יודען האבען געגריבט אגראר-ווירטשאפט, האבען זיי בעוויזען זייערע פעהיגקייטען און ענערגיע.

אויך אין ארגענטינא האבען מיר א 30-טויזענד-קעפיגען יודישען אגראר-ישוב.

צפון אמעריקא האט פופציג טויזענד יודישע „פארמערס" און ס'געהט דארט איצט א פרישע בעוועגונג, פעסט ארגאניזירט צו געהן פון שטאדט אין דארף אריין און פערנעהמען זיך מיט לאנדווירטשאפט.

בירא בידזשאן איז פאר אונז פערשטעלט מיט פאכענדיגע שווערדען אינעווייניג און פון אויסענווייניג; אבער די גרופען וואס זענען פון דארט די ערשטע צייט אנגעקומען, האבען ארויסגעוויזען א געוועלדיגען יודישען פלייס — און אויך כח — ארייגצווייסען זיך אין דער ווייט-מזרח'דיגער דזשונגעל און פלאנצען דארט א יונגען מאדערנעם לעבען.

יודען דארפען זיך בלויז צוגעוואוינען צום געדאנק, אז אויב מיליאנען האבען פערשפילט זייערע פאזיציעס אין שטאדט, וואו זיי זענען ארויסגעשטויסען געווארען דורך דער ווילדער קראפט פון מענשליכען בארבאריזם, מוזען זיי זייער היסטארישען איבשוואונג אנהויבען ווידער פון דאס ניי, אין קאמף מיט דער נאטור אליין, וועלכע ווייסט נישט פון קיין ראסען-טעאריעס און בכלל פון קיין רשעות, נאר גיט זיך אונטער דעם, וואס קומט איהר בנפשיכפשען.

און אויב מ'געהט צוריק צו דער ערד דארף מען נישט דווקא ווערען א פויער, אנ'אבגעשטאנענע, אונקולטורעלע בעשעפעניש, וואס ארבייט מיט א כאישע מיטלען, ארויסצובעקומען דעם ביסען ברויט און איז אבגעריסען פון קולטור-ישוב, וואוהין ער קומט אמאל אויף א יום-טוב, געהענדיג דעם מרחק פון צעהן קילאמעטער אין משך פון לאנגע שעה'ן, דערביי מוז ער באוויזעס טרעטען אין די פייכטע גראז און טאנצען די שיך אויפ'ן אקסעל.

און די הויך-קולטורעלע לענדער איז דער לאנדווירט נישט קיין פויער, נאר א פארמער, ארבייט מיט די מאדערנסטע מכשירים און איז ענג פערבונדען מיט דער שטאדטישער ציוויליזאציע, אדורכמאכענדיג אין זיין אויטא די צעהן קילאמעטער אין משך פון א פערטיל שעה.

די דאזיגע מאדערנע אגראר-ווירטשאפט האט איהרע אייגענע צרות און שוועריגקייטען; אבער דאס זענען שוין שפעטערע פראגעס, וועלכע וועלען נישט שטערען דעם פראצעס פון איבערגאנג צו לאנדווירטשאפט אין די לענדער, וואס פערמאגען מיליאנען העקטאר פרייען באדען און וועלען גערן עפענען די טויערן פאר אן ארגאניזירטער עמיגראציע פון קומענדיגע קאלאניסטען, מ'וועט נאך פערשפארען זוכען טעריטאריעס; זיי וועלען אונז זוכען.

מ'דארף נאר ארויספיהרען א פראפאגאנדע אין דער ריכטונג, וואס זאל זיין די גייסטיגע און פסיכישע הכשרה פאר די מיליאנען ארויסגעשטויסענע, זאל זיי צוגעוואוינען צום געדאנק, אז ווער עס האט פערשפילט דעם קאמף מיט מענשען מוז פרובירען זיך ווענדען צו דער מאמע-נאטור, וועלכע וועט איהם געוויס בעשענקען מיט איהר גנאד.

אויף די חורבות פון בארצעלאנא

די שענע פארט-שטאדט בארצעלאנא, וואס איז איצט געפאלען, איז געווען, נישט בלויז די רייכסטע און אממייסטען בעפעלקערטע שטאדט פון גאנץ שפאניען און דער אינדוסטריע-צענטער פון לאנד, נאר אויך א גרויסער מרכז רוחני, וואס איז אמאל געווען בעקאנט מיט זיינע חכמים און גאונים.

אמאל, אין יענער גאלדענער תקופה פון יודען אין שפאניען, האט דער גרויסער האנדעלס-צענטער בארצעלאנא געהערט צו די רייכסטע יודישע קהלות פון קאסטיליען און אראגאניען. שוין אין דער ערשטער העלפט פון צוועלפטען יאהרהונדערט, ווען שפאניען האט אנגעהויבען צו ווערען א קולטור-צענטער, האבען יודען מיטגעהאלפען דער אויפלעבונג פון לאנד און מען בעגעגענט קאטאלאנישע יודען אין דער עהרען ראל פון די הויפט-טרעגער פון דער דאמאלסדיגער קולטור.

אין יענער צייט האט בארצעלאנא אפילו געהאט א יודישען גובערנאטאר— דעם דאזיגען הויכען מלוכה-פאסטען האט פערנומען דער בעקאנטער פילאזאף און אסטראנאם ר' אברהם בר חייא אלבער דזשילאני, וועלכער איז געווען זעהר אנגעזעהען ביי דער קריסטליכער בעפעלקערונג. צווישען יודען און קריסטען האבען דאמאלס בכלל געהערשט פריינדליכע בעציהונגען. די יודען זענען געווען געשעצט און בעליבט ביי זייערע קריסטליכע שכנים און די יודישע קהלות אין בארצעלאנא איז דורך די פאעטען און כראניקער בעצייכענט געווארען אלס די „נעסט פון די יודישע פירשטען און אריסטאקראטען".

אין די ווייטערדיגע יאהרען איז קאטאלאניען געווען אנגעשלאסען צו אראגאניען און בארצעלאנא איז געווען דער גרעסטער יודישער צענטער, אין וועלכען ס'האבען געלעבט און געשאפען די גרעסטע יודישע גייסטער פון יענער צייט, ווי דער בעריהמטער גאון ר' שלמה בן אברהם איבן אדרת (בעקאנט אונטער'ן נאמען רשב"א) וואס האט יאהרעלאנג געפיהרט זיין גרויסע ישיבה אין בארצעלאנא און וואס צו איהם האט זיך די גאנצע יודישע וועלט, בפרט די שפאנישע יודען, בעצויגען מיט גרויס דרך-ארץ און יראת הכבוד.

א צווייטע בעריהמטע גאונישע פערזענליכקייט פון בארצעלאנא איז געווען דער ריב"ש, דעם רשב"א'ס א תלמיד. דער דאזיגער גאון און פוסק ר' יצחק בר' ששת האט נישט געוואלט מאכען קיין לעבען פון רבנות און האט זיך די גאנצע יאהרען זיינע דערנעהרט מיט מלאכה.

בעקאנט איז אויך דער בעוואוסטער קאטאלאנישער דיפלאמאט ר' ששת בנבנשתי, וועלכער איז געווען נישט בלויז אנגעזעהען אין די מלוכה-קרייזען, נאר בעריהמט אויך אלס מאגנאט און גרויסער תלמיד-חכם. אין בארצעלאנא האבען אויך געלעבט דער רמב"ן, דער גרויסער פילאזאף ר' חסדאי קרעסקאס און הונדערטער אנדערע גרויסע פערזענליכקייטען, אזוי, אז אויף אם דעם יודישען צענטער איז געזאגט געווארען דאס ווערטיל: „אוירא דברצלונה מחכים".

אבער די גוטע פריידליכע צייטען האבען לאנג נישט געדויערט. אונטער דער ווירקונג פון גייסטליכע זענען ארויסגעגעבען געווארען פערשידענע בעגרענצונגען געגען יודען. די יודען זענען אריינגעשטופט געווארען אין א געטא, אין די טעג פון די קריסטליכע חגאות האבען זיי זיך נישט געטארט בעוויזען אין גאס און ווען א יוד האט בעגעגענט א קריסטליכען גייסטליכען, האט ער געדארפט פאר איהם זיך בוקען ביז צו דער ערד. אין די טרויעריגע צייטען ווען דער מורא'דיגער בלבול, אז יודען האבען פערסמט די ברונעמס האט ארומגענומען די דאמאלס פינסטערע איירא, האבען אויך די בארצעלאנער יודען נישט ווייניג געליטען דערפון.

אין דער צווייטער העלפט פון 14 טן יאהרהונדערט האבען זיך אין שפאניען אנגעהויבען פאגראמען אויף יודען, בעת וועלכע ס'זענען אומגעקומען הונדערטער יודישע משפחות און ס'זענען צעשטערט געווארען אזעלכע גרויסע שטעדט ווי סעוויל, טאלעדא, וואלענסיא און בארצעלאנא. פון דאמאלס אן ציהט זיך די בלוטיגע קייט פון רציחות ביז די יודען זענען פון קאטאלאניען פערטריבען געווארען צוזאמען מיט'ן אלגעמיינעם גירוש ספרד אין יאהר 1492.

די „נייע געשיכטע פון יודען אין שפאניען" הויבט זיך אן אין די אכציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט, ווען עס האבען אנגעהויבען צו קומען אין בארצעלאנא ספרדישע און דערנאך אויך פוילישע יודען, וועלכע האבען גענומען ענטוויקלען דארט פערשידענע אינדוסטריעס, בעיקר האבען זיך אבער פוילישע יודען געכאפט צו שניידעריי און די סט. פאאול גאס אין בארצעלאנא איז געווען געדיכט בעזעצט מיט יודישע שניידער-געשעפטען און ווערקשטאטען. ערשט נאכדעם ווי קעניג אלפאנזא האט זיך אבגעזאגט פון טראהן אין יאהר 1931 זענען אבגעשאפט געווארען די בעשרענקונגען פאר יודען און עס האט זיך אנגעהויבען ארגאניזירען א יודישע קהלה אין בארצעלאנא.

מיט 5 יאהר צוריק האט זיך אנגעהויבען די „עליה" פון די דייטשע יידען קיין שפאניען און אין בארצעלאנא פליסט אריין א שטראם פון יודישע פליטים, מענשען מיט ענערגיע און איניציאטיוו, וועלכע האבען זיך גאנץ גיך איינגעארדענט אין לאנד און געווען טעטיג אויף פערשידענע געביטען.

הונדערטער משפחות זענען ערשט פאראיאהרען אנגעקומען קיין בארצעלאנא פון מאדריד, וואלענסיא און אנדערע שטעדט, וואס זענען דאמאלס געווען נאהענט צום פראנט און געשטאנען אין צענטער פון בירגער-קריעג. פראנקא מיט די אויפשטענדער האבען געדראהט, אז אויב זיי וועלען זיגען וועלען זיי אויסקוילענען אלע יודען אין בארצעלאנא און בכלל בענייען די אינקוויזיציע אין שפאניען. איצט געפינט זיך שוין בארצעלאנא אין די הענד פון די אויפשטענדער און עס שטעהט אין איהר גאנצער שארפקייט די פראגע: „וואס וועט זיין מיט די יודען אין בארצעלאנא"?

אט אזוי געהט בארג אראב די געשיכטע פון א שטאדט, וואס איז אמאל געווען א גרויסער יודישער קולטור-צענטער און וואס בלויז איהר נאמען דערמאנט אונז איצט א הערליך קאפיטעל יודישער געשיכטע, וואס איז אינגאנצען אויסגעריסען געווארען פון לעבענס-בוך פון שפאניען,

וואס געהערט, וואס געזעהן.

א יוד טאר נישט קוקען בלויז פאר זיך...

איך מיין עס אהן משלים. א יוד דארף אין די היינטיגע צייטען לויט שכל נאר קוקען פאר זיך, נישט מישען זיך אין קיין שום ענינים, ווייל לויט דער נייער טעאריע איז דאך א יוד א פרעמדער און ער דארף לויבען גאט, וואס מען לאזט איהם צו רוה (הלואי וואלט עס נאר אמת געווען).

פון יודישען שטאנדפונקט ווידער דארף א יוד אין די היינטיגע צייטען, ווען דאס פאלק איז אין אזא קאטאסטראפאלער צרה, נישט קוקען בלויז פאר זיך, נאר ער מוז אויך אין זינען האבען זיינע אומגליקליכע ברידער און צוזאמען טיילען דעם גורל, ווי אויך מיטהעלפען אין קאמף פאר א בעסערען מארגען.

אט אזוי קען מען אויסטייטשען דעם דאזיגען געדאנק, נאר נישט דאס ערשטע מיין איך און אויך נישט דאס צווייטע, איך מיין עס פשוט כפשוטו: א יוד אין די היינטיגע צייטען, אויב ער געהט אין גאס, טאר ער נישט קוקען בלויז פאר זיך, ד. ה. צו ער געהט אויף א גלייכען וועג און פאלט נישט אריין אין א בלאטע, נאר נאכמעהר מוז ער זיך אלע מינוט אומקוקען אויף הינטען, ווארום, דער יוד קאן קיינמאל נישט וויסען, אז עס זאל איהם פלוצים, מיר גישט דיר נישט, עמיצער אונטערשפרינגען און איהם דערצעהלען א מעשה...

אט דאס מיין איך צו זאגען, אז היינטיגע צייטען טאר א יוד נישט קוקען בלויז פאר זיך...

די קינדערלעך האבען געהאט גרויס הנאה

עס איז געווען א גוטער אויפטהו מצד דער אפערעטען-טרופע איינצוארדנען א פארשטעלונג פון „בר-כוכבא" פאר די שול קינדער.

וואס אנ'אמת זענען א טייל יודישע לעהרער, ווי למשל דער דירעקטאר פון די יודישע גימנאזיעס און די יודישע לעהרער פון דער פאוושעכנע שולע נר. 12 נישט געווען ענטציקט פון דאזיגען פלאן (זיי האבען מסתמא נישט געוואלט, אז זייערע שילער זאלען פערדארבען ווערען הערענדיג שפילען יודיש וואס ביי זיי הייסט עס „זשארגאן") והראיה די קינדער פון די אויבענערמאנטע שולען זענען טאקי אויף דער פרעכטיגער פארשטעלונג „בר כוכבא" נישט געווען און זיי מעגען בעדויערען די קינדער, כאטש זיי זענען נישט שולדיג. זיי וועלען זיך דאך נישט אקעגענשטעלען דעם ווילען פון זייערע ערציהער. די קינדער אבער, וועלכע זענען יא געקומען אויף דער פארשטעלונג האבען געהאט גרויס הנאה.

ווייניג לערנט מען מיט די קינדער אין די שולען וועגען יודישער געשיכטע און נאך ווייניגער ווייסען זיי וועגען יודיש טעאטער און יודישע נגונים און ביי „בר כוכבא" האבען זיי געהאט א שטיק יודישע געשיכטע, דאן א שפע פון הארציגע יודישע מעלאדיעס, אז זייערע יונגע הערצלעך זענען אנגעפולט מיט תענוג.

קינדער זענען עמפפינדליך אויף יעדען נויאנס, איז טאקי געווען אינטערעסאנט, ווי אזוי די קינדער האבען רעאגירט אויפ'ן „בר כוכבא" שפיעל.

איך בין געזעסען אין זאל און געזעהען ווי אזוי די קינדער האבען געשלינגען יעדעס ווארט, מיטגעלעבט מיט די ארטיסטען און זייערע קינדערישע הערצלעך האבען שטארקער געקלאפט, ווען „בר כוכבא" ערקלערט מלחמה די פייניגער און געהט ביז'ן לעצטען טראפען בלוט בעפרייען דאס יודישע פאטערלאנד.

א טייערען דאנק קומט דער אפערעטען-טרופע מיט ה' מארסאלאוו אין דער שפיץ פאר דעם נחת, וואס זיי האבען פערשאפט אונזערע יודישע קינדערלעך.

הארץ-ארא בערעדעניש...

עס איז נישט לייכט צו ארבייטען אין א יודישער פראווינצער צייטונג, וואו דער מיטארבייטער מוז טהון אין רעדאקציע אלץ, אפילו אזעלכע זאכען, וואס געהען נישט אריין אין זיין זשאנר, ווי למשל דאס זאמלען אנאנסען אאוו.

וואלט כאטש די יודישע בעפעלקערונג געהאט די געהעריגע בעציהונג וואלט עס נאך ווי עס איז געווען צו דערליידען, ליידער איז עס אבער נישט אזוי און דאס טהוט זעהר וועה.

א יוד, מעג עס זיין אפילו א נאציאנאלער יוד (וועגען די אסימילירטע רעדט מען דאך שוין נישט ביי זיי איז דאך א יודישע צייטונג טריף ווי חזיר), וועט ער שטענדיג האבען מעהר דרך ארץ און בעציהונג צו דער ערגסטער נישט יודישער צייטונג ווי צו דער בעסטער יודישער צייטונג.

נעמען מיר, למשל, אונזער טשענסטאכוו, דאכט זיך, אז צוליב אונזערע ספעציעלע בעדינגונגען, האט א יודישע צייטונג אויסצושטעהן גענוג צרות, ווארום, אויסער די אלגעמיין יודישע צרות, האבען מיר נאך ספעציעלע טשענסטאכאווער יודישע צרות. דאגעגען די פוילישע צייטונגען, אפילו די יעניגע, אין וועלכע עס ארבייטען יודען, זענען פון די דאזיגע צרות פטור; זיי שרייבען נישט וועגען דעם קיין איין ווארט. דאן איז דא דער בעריהמטער „נאניעץ", וועלכער העצט כסדר אויף יודען און נישט איין יודישע צרה האט מען דעם „נאניעץ" צו פערדאנקען...

דער זעלבער „נאניעץ" נעמט נישט אן, ווי בעוואוסט קיין האנדעלס אנאנסען פון יודען, ארויסגעהענדיג פון שטאנדפונקט, אז יודען דארף מען נישט רעקלאמירען. דאגעגען נעמען זיי אן נעקראלאגען, האלטענדיג, אז א יודען איז א מצוה צו בעגראבען און דערביי פערדינט מען א היבשע מטבע.

אונזערע יודען ווידער, וועמענס האנדעלס אנאנסען דער „נאניעץ" נעמט נישט אן, גיבען דעם זעלבען „נאניעץ" אויף דעם ארט פעטע בעצאהלטע נעקראלאגען, פערגיטיגענדיג אזוי-ארום פאר די היזיקות, וואס דער „נאניעץ" האט צוליב דעם, וואס ער נעמט נישט אן קיין יודישע האנדעלס אנאנסען.

קורץ, ווען עס מאכט זיך גוט-געצאהלטע יודישע נעקראלאגען, גיט מען זיי אוועק די נישט-יודישע צייטונגען, צווישען זיי אויך דעם „נאניעץ" און ווען מען גיט שוין אויך א יודישע צייטונג איז עס פאר יוצא וועגען, אזוי ווי מען וואלט צוגעווארפען א ביינדעל... אזוי, אז מיר, יודען, פון די יודישע צייטונגען, האבען נישט קיין הצלחה, דאגעגען זיי, די נישט-יודישע און צווישען זיי אויך דער „נאניעץ", אט זיי האבען הצלחה.

מעשה שטן...

זעהר שווער איז דער נע-ונדוועג פון יודישען ארטיסט ומכל שכן אין די לעצטע צייטען, ווען די יודישע ארטיסטען האבען אויסצושטעהן גרויסע שיקאנעס. (וועגען דעם בלעטיל יודישע ארטיסטען וועט אונז אויסקומען צו רעדען בעזונדער).

די יודישע ארטיסטען, אפילו די בעסטע פון זיי, קומט אויס בעת'ן וואנדערען פון שטאדט צו שטאדט, צו ליידען פשוט הונגער. וואלט כאטש די יודישע געזעלשאפט געהאט פערשטענדניס פאר דעם קולטור-אבשניט,

ב. ישראלי (ירושלים)

„ושבו בנים לגבולם"

די לאָנדאָנער פערהאַנדלונגען וועגען ארץ-ישראל דערנעהנטערען זיך צום סוף, ווי עס זאָלען נישט אויסזעהען די מסקנות איז קלאָר, אז אויף גרויסע ישועות ונחמות דאַרף מען זיך נישט ריכטען.

אויב אבער די עקסטרעמע אראבישע פאָדערונגען און האָפנונגען פון די מופטי'שע טעראָריסטען וועלען נישט מקויים ווערען, איז עס צו פערדאַנקען, קודם כל, דער עקזיסטענץ פון האַלב-מיליאָניגען יודישען ישוב אין לאַנד.

אודאי וואָלט די לאַגע פון די יודען ביי די לאנדאנער פערהאַנדלונגען געווען פיעל בעסער ווי זי איז איצט, ווען דער ישוב וואלט געווען דאָפּעלט גרויס און אין ווירטשאַפט דאָפּעלט שטאַרק.

דער דאָזיגער חטא פון נישט אויסגענוצטע מעגליכקייטען פאר'ן אויפבוי פון לאַנד אין די לעצטע 20 יאהר דאַרף פערשריבען ווערען נישט נאָר אויפ'ן חשבון פון דער מאנדאטאָר-רעגירונג, נאָר אין דער ערשטער רייהע לאסטעט ער אויפ'ן געוויסען פון דעם יודישען פאָלק גופא.

ווי עס זאל אבער נישט זיין גרויס דער פערלוסט אין די אַדורכגעגאַנגענע יאהרען, איז דאך די יודישע דערגרייכונג אין לאַנד גענוג שטאַרק, אַז די ענגלישע פּאָליטיקער זאלען נישט קאָנען איבערגעהן איבער זיי צום סדר-היום.

דער ישוב איז שוין א דריטעל פון דער לאַנדעס-בעפעלקערונג, ער איז אבער צוויי דריטעל לויט זיין וואָג און בעדייטונג אין דער ווירטשאַפט, אין דעם פערטיידיגונגס כח און אין דער קולטור פונ'ם לאַנד.

דאס, וואס עס איז געשאַפען געוואָרען, קאָן נישט ליקווידירט ווערען, נישט דורך דעם אראבישען טעראָר און נישט דורך די „קאָמפּראָמיס"-פאָרשלאָגען פון דער בריטישער רעגירונג. דער דאָזיגער יודישער כח ביים מיטעללענדישען ים איז א פּאָליטישער גורם פון ערנסטער סטראטעגישער און פּאָליטישער ווערט, וועלכער איז דעצידירענד ביים פעסטשטעלען די דרכים פון דער ווייטערדיגער ענגלישער פּאָליטיק אין ארץ ישראל.

קיינער לייקענט נישט די וויכטיגקייט פון פּאָליטישע דעקלאַראַציעס און בעשלוסען. ס'וואלט געווען קורצזיכטיג נישט צו זעהען די אלע סכנות פון דער אינטערנאציאָנאַלער פּאָליטישער סיטואַציע, אין וועלכער ס'איז איינגעוועבט אויך א"י. אָבער דאך איז שטאַרק די אמונה, און מיר וועלען גובר זיין די ריזיגע שוועריגקייטען אויף דעם פון אונזער יודישער פרייהייט.

די יודישע יוגענד וועט מוזען לערנען דעם וועג פון די ביל'ו'ער און פון די ערשטע חלוצים.

די בלעטלעך פון דער יודישער פרייהייטס בעוועגונג זענען דורכגעזאַפט מיט בלוט פון די ערשטע, וועלכע זענען געגאַנגען איבער אונבעקאַנטע פעלדער און וועלדער, געקלעטערט איבער די קאַווקאַזער בערג און געשוואומען איבער טיפע וואַסערען צו די ברעגען פון דעם אויסגעטרוימטען לאַנד.

ווער קאָן זיי שטערען אין דעם דאָזיגען וועג פון קרבנות און ריקזיכטלאָזיגען דראַנג צו דער היימלאַנד?

זיי האבען עס אויסגעשמידט דעם רעאַלען כח פון דעם ישוב און ער איז נישט דער לעצטער גורם ביי די יעצטיגע ענטשיידונגען אין לאָנדאָן.

פון דונאַם צו דונאַם זענען מיר געקומען צום איצטיגען פערמעגען פון „קרן קימת" אין לאַנד. העכער 250 דערפער—פעסטונגען האבען זיך צושפּרייט איבער דער יודישער ערד. זיי שפּייזען דעם ישוב, זיי שיצען זיין לעבען, שטעדט, פאַבריקען, שולען, א פּאַרט, א פליה פלאַץ—דאס איז אונזער יודישער כח, וועלכער וועט בייסטעהן אלע נסיונות.

די מאָדערנע המנ'ס ווייסען שוין זייערע דראָהונגען צו פערניכטען דאס יודישע פאָלק וועלען נישט מקוים ווערען. ארץ ישראל בויט זיך און וועט צוריקשטעלען דאס יודישע פאָלק אין זיין פולער פראַכט.

אין די יעצטיגע בין-השמשות צייטען מוזען געזאַמעלט ווערען אלע כחות ארום דער פּראַקטישער פערווירקליכונגס-טהאַט. נייער באָדען מוז געקויפט ווערען אין אלע עקען פון לאַנד. און דוקא דאַרט, וואו עס דראָהען אונז די לאָנדאָנער „קאָמפּראָמיסען" דאַרף פלאַטערען די יודישע פאָהן.

חניתה טאָר נישט בלייבען פעראיינזאַמט, טירת צבי טאָר נישט זיין פעריתומ'ט. איבעראַל, אין אלע ווינקעלאַך פון ארץ ישראל, אין אלע „זאָנעס" דאַרף ערוואָרבען ווערען דער באָדען פאַר די נייע הונדערטער-טויזענדער עולים. וועלכע וועלען קומען פון די המנ'ס לענדער צו זיך אין לאַנד.

א גרויסער באָדען-רעזערוו דאַרף דערגרייכט ווערען אין דער קורצסטער צייט אין לאַנד.

וועט דאָס געשעהן – וועלען מ'ר איבערקומען אלע שווערע טעג.

ווער עס וועט פערמאָגען די ערד – צו דעם וועט געהערען דאָס לאַנד.

אין די טעג פון פורים, ווען יעדער יוד וועט אין זיין הארצען טראָגען דעם טרוים וועגען דער מפלה פון די המנס און וועגען דער יודישער בעפרייאונג פון די טיראנען – זאָל יעדער זאָרגען פאַר נייע טויזענדער דונאַמען באָדען אין דער יודישער היימלאַנד.

און ס'וועט קומען דער טאָג – און אויף דער ניי-ערבּערטער יודישער ערד וועלען בליהען די יודישע פעלדער און גערטנער געזייט און געפלאַנצט דורך דער טרייער האַנד פון די אַהיימגעקומענע קינדער פון זייער צושפּרייטונג.

„ושבו בנים לגבולם".

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

תצוה

ויקחו אליך שמן זית

אין פאד, א קליין שטעטיל אין פוילען, איז געווען א רב, וועלכער האט קיין שכירות נישט בעקומען, דאַגעגען האט ער געהאט פון דער קהלה קאָנצעסיעס אויף פערקויפען הייוועןאון ליכט אויף שבת, מצה שמורה, אתרוגים א. ד. ג. מיט וועלכען קיין אַנדערער בשר ודם האט נישט געטאָרט האַנדלען.

די אלע אונטערנעהמונגען האבען אָבער דעם רב קיין פרנסה נישט געגעבען.

אויף אַנ'אסיפה פון די בעלי בתים ווי אזוי צו פערבעסערען דעם מצב פון רב, איז בעשלאָסען געוואָרען, היות ווי יעדער יוד קויפט אויף שבת בראַנפען צו קידוש, זאָל ער אראָבגעבען דערפון א גלעזעל פאַר'ן רב, דער בראַנפען זאָל ווערען פערקויפט א שענקער און אזוי ארום וועט דער רב האבען דערפון א ריוח. בכדי אויסצופיהרען דעם בעשלוס איז אוועקגעשטעלט געוואָרען פאַר דער טהיר פון רב א פעסיל, וואו יעדער בעל-בית האט פרייטאג אריינגעגאָסען א גלעזיל שפּריט.

זונטאג איז דער שענקער געקומען נעמען דאס פעסיל און אויספּריבענדיג די משקה, איז ער דערגאַנגען, אז דאס גאַנצע פעסיל איז לויטער וואַסער.

דער רב האט זיך נישט געמאַכט וויסענדיג. דעם צווייטען פרייטאג, ווען די בעלי בתים זענען ווידער געקומען אריינגיסען די משקה האט ער אין געגענוואַרט פון די נותנים אויספּראָבירט זייער מתנה און עס איז אויפגעדעקט געוואָרען דער גאַנצער ענין. אויף דער פראַגע פון רב: היתכן? האט יעדער בעל-בית געמאַכט דעם זעלבען חשבון: 500 יודען פערמאגט דאס שטעדטיל, אויב 499 וועלען אריינגיסען בראַנפען און נאָר איך איינער וואַסער טאַ וואס קען דאס שאַדען? און צוליב דעם חשבון, וואס יעדער בעזונדער האט געמאַכט, איז דאס פעסיל געבליבען מיט וואַסער. דאָס זעלבע איז געווען דאָ. גאָט האט געהייסען, אַז די יודען זאָלען געבען שמן זית צו בעלייכטען דעם נר תמיד. געוועהנליך איז געשטעלט געוואָרען א פאַס פאַר דער טהיר פון משה רבנו, וואו יעדער יוד זאָל אריינגיסען א גלעזיל אייל. דער רבש"ע האט אָבער פערשטאַנען, אַז דער עולם וועט מאַכען דעם זעלבען חשבון ווי די פאד. בעלי-בתים און דאס פעסיל וועט בלייבען מיט לויטער וואַסער, דעריבער האט דער רבש"ע געזאָגט צו משה'ן: ואתה תצוה את בני ישראל —דו זאָלסט די יודען שטרענג אָנזאָגען, אַז ויקח אליך שמן – ווען זיי וועלען צו דיר ברענגען דעם אייל, זאָל ער זיין זית זך – פון בעסטען, וואס גיבט נאָר, להעלות נר תמיד—בעלייכטונגס-פעהיג פאַר'ן נר תמיד. זאָל ער זיך נישט פערלאָזען, אַז אַנדערע וועלען געבען א גוטען אייל און ער וועט אָבנאָרען מיט וואַסער, נאָר עס מוז זיין זך כתית למאור.

ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך.

אין ר. איז נפטר געוואָרען דער רבי, וועלכער איז גלייכצייטיג אויך געווען רב. בעת דער לויה, ווען עס איז זיך צוזאַמענגעקומען א גרויסע צאָהל חסידים האבען זיי בעשטימט דעם זוהן אלס ממלא מקומו. דער נייער רבי, וועלכער איז נישט געווען קיין גרויסער מר בר ר' אשי האט געוואָלט אויך דאס רבנות ירשענען. ער האט אָבער געהאט געגען זיך די התנגדות פון די לומדי-תורה.

עס איז צוליעב דעם פאָרגעקומען א דין תורה, וועלכע האט אַרויסגעטראָגען א פסק צו פרעגען ביי ר' יהושעלע קוטנער און אַזוי ווי ער וועט זאָגען זאָל בלייבען.

ווען ביידע צדדים האבען פאָרגעלעגט פאַר ר' יהושעלע ז"ל זיינע טענות האט ער זיי געענטפערט: ווען דער רבש"ע האט אַרויסגעגעבען דעם בעפעהל, אַז די כהונה זאָל איבערגעהן פון אהרנ'ען צו זיינע קינדער, האט משה רבינו געהאט גרויס עגמת-נפש. ער, וועלכער האט אַזוי פיעל געאַרבייט פאַר דער בעפרייאונג פון די יודען, אויסגעשטאַנען צרות, האט נישט די זכיה, דאס זיינע קינדער זאָלען איהם ירשנען און בלייבען די מנהיגים, דאַגעגען אהרן, וועלכער האט זיך נעלאָזט פון די יודען איבעררעדען און געמאַכט דאס עגל, האט זוכה געווען, אַז זיינע אייניקלעך זאָלען בלייבען כהנים, בעקומען תרומות ומעשרות. דעריבער האט משה געהאט א הקפּדה אויף זיין ברודער אהרן. דערויף האט איהם דער רבש"ע געזאָגט: ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך – בעט דיך איבער מיט דיין ברודער. ער איז גאָרנישט שולדיג. א כהן צו זיין, צו האָבען צו טהון מיט בלויז הייליגע זאַכען תרומות מעשרות, קרבנות א. ד. גל. קענען זיין אויך די קינדער און אייניקלעך, אָבער תורה שלי היתה ולך נתתיך – לערנען מוז מען קענען, א מנהיג צו זיין איבער א פאָלק דאַרף מען וויסען און דערצו ביזט פעהיג, אָדער אַנדערע, וועלכע וועלען זיך פון דיר אָבלערנען אַזעלכעס קען נישט איבערגעהן צו יורשים. דאס זעלבע האט ערקלערט ר' יהושעלע איז דאָ צו זיין א רבי איז טאַקי דער יורש פעהיג, אָבער רב צו ווערען מוז מען לערנען און זיין א ת"ח, ווי זיין פאטער דער נפטר איז געווען. דאס געהט נישט שטענדיג איבער צו א יורש.

פורים.

שנהנו מסעודתו של אותו רשע.

די גמרא פרעגט: מפני מה נתחייבו כלי—פאַרוואָס איז דאס געקומען די יודען פון יענעם דור אַזאַ שווערע גזירה, אומצוברענגען? און ענטפערט: שנהנו מסעודתו של אותו רשע, ווייל זיי האבען נהנה געווען פון אחשורוש'ס סעודה. שטעלט זיך א פראַגע צי ווייל א קליינער טייל יודען, וועלכע זענען געצווינגען געווען צו עסען טריפות אויף דעם באַל, וואס דער פערסישער מלך האט געמאַכט קומט להשמיד ולאבד אלע יודען? נאָר דער תירוץ קען זיין: לעולם, פאַר עסען באונס אויף דער סעודה איז זיי קיין שטראָף נישט געקומען. דער אויסדרוק פון דער גמרא איז נישט, ווייל זיי האבען געגעסען, נאָר שנהנה – זיי האָבען א הנאה געהאַט, וואס עס איז אויף דעם באַל גערעדט געוואָרען נבול פה וועגען ברענגען ושתי'ן א נאַקעטע פאַר די געסט און זיי, די יודישע פאָרשטעהער האבען זיך געשמאַלצען פון תענוג, הערענדיג דעם שמוּעס. דאס האט געוויזען ווי נידריג עס שטעהט דער מאָראַל פון די יודען פון יענעם דור, דעריבער איז אויף זיי גע'חתמעט געוואָרען די גזירה פון כלי'.

ויאמר המלך—לחכמים יודעי העתים

אחשורוש האט פערשטאַנען, אַז אויב ער וועט פרעגען די אלטע מיניסטאָרען וואס מ'זאָל טהון מיט דער מלכה ושתי, ווייל זי האט נישט געוואָלט פאָלגען דעם מלכ'ס בעפעהל און קומען א נאַקעטע, וועלען זיי ענטפערען, אַז מ'דאַרף איהר דאַנקען, דעריבער האט ער גערופען די חכמים יודעי-העתים – היינטוועלטיגע, וועלכע ווייסען ווי מען דאַרף זיך פיהרען אין דער היינטיגער ציוויליזירטער צייט און זיי האבען די מלכה האַרט בעשטראָפט פאַר די שווערע זינד, וואס זי איז בעגאַנגען.

אסתר ירקרקת היתה (מדרש)

פאַרוואָס האט אחשורוש גענומען א ירקרקת אויפ'ן אָרט פון דער שעהנער ושתי? זעהט אויס, אַז אחשורוש האט זיך געהאַלטען פאַר א גרעסערען מבין ווי דער מדרש.

וואָלט אויך גוט געווען. אַזוי ווי דאָס איז ליידער נישט, איז דער יודישער אַרטיסט טאַקי אין דער איצטיגער צייט דער שעיר לעזאזל.

איז דאָס ווייניג, מאַכט זיך נאָך טאַקי אַזאַ מעשה שטן.

מיט עטליכע וואָכען צוריק איז דאָ אַהערגעקומען א דראַמאַטיש טעאַטער אונטער דער אָנפיהרונג פון אַלעקסשטיין איז פונקט דעם אָווענד פאָרגעקומען א פאָרשטעלונג אין שטאָדט-טעאַטער, איינגעאָרדענט דורכ'ן צענטראַל ראַט, אַזוי, אַז די אייגענטליכע יודישע טעאַטער-בעזוכער האבען געמוזט, כדי צו שטיצען זייער פעראיין געהן אנשטאָט אין יודישען גאָר אין פּוילישען טעאַטער. יענע וואָך פרייטאג איז געווען דאס זעלבע בעת'ן אויפטריט פון דער פּרעכטיגער זינגערין און אַרטיסטין לאָלאַ פאָלמאַן האט ווידער באותו הלילה די יודישיסטישע פאָלקס שולע אָבגעדינגען א פאָרשטעלונג אין שטאָדט-טעאַטער און די יודישע טעאַטער אונטערשטיצער זענען אַוועק אין שטאָדטישען טעאַטער.

די איניציאַטאָרען פערטיידיגען זיך, אַז די פאָרשטעלונג אין שטאָדט טעאַטער דינגען זיי אָב מיט א פאָר וואָכען פאָראויס און זיי זענען נישט מחויב צו וויסען, אַז פונקט דאַמאַלס וועט גאַסטראָלירען א יודישע טרופּע. דאס איז טאַקי אמת. זאָג איך דאָך טאַקי, אַז מיר, יודען, האבען נישט קיין הצלחה, אַז אָט די מעשה איז מעשה שטן...

א פּרעכטיגע קינדער-פאָרשטעלונג

עס איז שוין א טראַדיציע ביי דער „בית יעקב"-שולע איינצואָרדנען יעדעס יאָהר האַרט פאַר פּורים א קינדער-פאָרשטעלונג אויף א נאַציאָנאַלער טעמאַ.

אַזוי האבען זיי פאָריאָהרען אויפגעפיהרט די שעהנע היסטאָרישע געשעהניש „רות" און היי-יאָהר די זעהר אַקטועלע מעשה פון המן מיט מרדכי, די צרות, וואס יודען האבען געליטען פון דעם דאָזיגען רשע און צום סוף זיין מפּלה און דער נצחון פון יודען.

ס'פערשטעהט זיך, אַז די ראָלען האבען אויסגעפיהרט בלויז מיידלעך. אויך די צושויער זענען בעשטאַנען פון בלויז פרויען, אויסער וואס אין די ווינקעלעך פון זאַל האבען זיך אריינגעכאַפּט א פּאָר מאַנסבילען, וועלכע האבען געדאַרפט אַכטונג געבען אויף דער אָרדנונג און אויך זיין גרייט על כל צרה שלא תבא...

די הויפּט ראָליסטינס האבען זייערע ראָלען אויסגעפיהרט זעהר גוט. דאס מיידעלע עדעליפּט אלס חנא'לע איז געווען צאַרט און מלא חן, פילצער—אלס מרדכי מיט א האַלב-גראָהער באָרד און א שטריימעל אויפ'ן קאָפּ האט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַנ'אַריסטאָקראַטישען יוד, וואס פערטיידיגט שטאָלץ און ווירדיג זיין פאָלק; סלאַווינאַ-אלס המן, איז געווען א הונט מיט צייהן, דאס זעלבע איז מיט דער שילערין קאָהן—אלס ויזתא און יעלען—אלס אחשדרפן, המנ'ס דינער. מלא חן און גראַציעז איז געווען רייזעלע נאַכעמיאַ – אלס אסתר המלכה. אַזוי אויך די איבריגע קינדער אין די קלענערע ראָלען.

די רעזשי איז געווען א מוסטער-האַפטע, די קינדער האבען זיך געפיהלט פריי אויף דער ביהנע און זיי האָבען בעהערשט די אַקציע. דאַן מוז געזאָגט ווערען צום שבח, אַז די קאָסטיומען זענען געווען גוט צוגעטראַכט און האָבען אַרויסגערופען דרך-ארץ ביי די צושויער.

זיצענדיג אין זאַל און צוקוקענדיג זיך צו דער קינדער פאָרשטעלונג ווילט זיך קוים גלויבען, אַז דאס זענען קינדער פון א „בית יעקב"-שולע, וועגען וועלכע מיר האָבען פריהער אויס א בעשטימטע נעגאַטיווע מיינונג. די דאָזיגע מיינונג ווערט אָבער צורינען, ווען מען קוקט זיך צו צו דער אינטעליגענץ פון די קינדער, וואס רופען אַרויס דרך-ארץ און וואַרימע בעציהונג צו זיך.

נאָך א מעלה האבען די אויפטריטען פון דער „בית יעקב"-שולע, וואס קומען פאָר אין יודיש, וואס דאס אליין איז שוין גורם, אַז מען זאָל זיי ליעב האָבען.

אויך דער העברעאישער איינאַקטער „פּורים פערשטעלטע" איז גלענצענד אויפגעפיהרט געוואָרען מיט די קינדער: א. מאָשקאָוויטש, פּראָדעלסקאַ גוטקאַ און ש. מאָשקאָוויטש אין דיהויפּט ראָלען.

אָהן שום חניפה און איבערטריבענקייט מוז מען מודה זיין, אַז דער לעצטער אויפטריט פון דער „בית-יעקב"-שולע איז געווען א גלאַנץ-לייסטונג און די לעהרערין וואַסערצוג מעג שטאָלץ זיין מיט איהר אַרבייט.

א האַרציגען יישר כח דער לייטונג פון „בית-יעקב" פאַר די עטליכע שעה גייסטיגען נחת-רוח און א געזונד אין די האַרציגע קינדערלעך פאַר זייער עכט יודישען חן און גראַציע.

מיט איין וואָרט, די היי-יעהריגע פאָרשטעלונג פון די „בית-יעקב"-שולע איז געווען א פּרעכטיגע.

אַז מען האָט נישט קיין פּרנסה...

דאס הויז אין נייעם מאַרק, רוג בערעק יאַסעלעוויטש, געהער צו צוויי שותפים, וועלכע האבען אויך אין דעם-זעלבען הויז זייערע געשעפטען איינער מיט מאַנופאַקטור און דער צווייטער מיט קאָנפעקציע.

אין גאַס פאַר דעם הויז איז פון יאהרען לאַנג געשטאַנען א בוידעל מיט פּאַפּיראָסען און א וועגעלע מיט פרוכטען און קיינער האט זיי נישט געטשעפּעט, נישט דער קאָנפעקציע-סוחר און נישט דער מאַנופאַקטור-סוחר. לעצטענס אָבער—ווי ס'ווייזט אויס—איז דער קאָנפעקציע-סוחר געשלאָגען געוואָרען מיט פּרנסה, נעבעך, וואָרום—אַנדערש איז דאָך נישט צו פערשטעהן—פאַר וואָס ער האט זיך איינגעשפּאַרט, אַז די בודקע פון פּאַפּיראָסען און דאס וועגעלע פון פרוכטען זאָלען נישט שטעהן פאַר זיין געוועלב. וועגען דעם ענין האט ער טאַקי לעצטענס אַוועקגעשיקט א בריוועל אין מאַגיסטראַט אַריין און ס'האָבען נישט געהאָלפען די אינטערוועגצען, אַזיך נישט דאס, וואס דער צווייטער שותף דער מאַנופאַקטור-סוחר האט דעם פרוכטען-הענדלער אַרויסגעגעבען א קוויטעל, אַז ער ערלויבט איהם יאָ צו שטעהן פאַר זיין הויז, דער קאָנפעקציע סוחר וויל נישט און פערטיג...

דאס וועגעלע מיט די פרוכטען האט מען טאַקי אַוועקגערוימט, ווייל צוליב דעם, וואס אַנ'אָרימער פרוכטען-הענדלער שטעהט פאַר זיין הויז, האט דער בעל-הבית פון דערמאָנטען הויז, דער קאָנפעקציע-סוחר, פערלוירען זיין פּרנסה...

לויתן

אויף די וויסענשאפטליכע רעפעראטען אין לאקאל פון האנדווערקער-פערבאנד

קודם-כל דארף בעגריסט ווערען די איניציאטיווע פון דער יודישער בילדונגס-געזעלשאפט א. נ. „וויסען און פארטשריט", וועלכע האט זיך געשטעלט פאר אנ'אויפגאבע איינצואָרדנען אין לאקאל פון האנדווערקער-פערבאנד אלעע 12, א ציקל פאפולער-וויסענשאפטליכע פארלעזונגען אויף פערשידענע טעמעס און דערמיט צו געבען די מעגליכקייט דער היגער יודישער געזעלשאפט און הויפטזעכליך דער יוגענד זיך צו בעקענען מיט אט די אלע וויסענשאפטס געביטען, וועלכע זענען פאר זיי ביז-איצט געווען אומבעקאנט.

צו דעם צוועק האט זי אלס פרעלעגענטען איינגעלאדען דעם דיר. ד"ר אקסער, פראפ. לעאן רייכענטאל, אדוו. ע. עפשטיין א. אנד., וועלכע האבען זיך אויסגעקליבען אקטועלע טעמעס, ווי: „די טאטאלע מלחמה און די אויפגאבען פון דער ציווילער בעפעלקערונג", „דאס פראבלעם פון דערנעהרען די בעפעלקערונג", „די פרינציפען פון דער קאנסטיטוציע פון דער פוילישער רעפובליק", „דאס קאלאניזאציע וועזען און איהרע בעדינגונגען" —אלץ זאכען, וועלכע קענען פעראינטערעסירען יעדען איינציגען.

דער צווייטער רעפעראט, וואס איז די וואך געלעזען געווארען דורכ'ן דיר. ד"ר אקסער א. ד. ט.: „דאס פראבלעם פון דערנעהרען די בעפעלקערונג פון שטאנדפונקט פ'ן כעמיע און ביאלאגיע", איז געווען העכסט אינטערעסאנט און אנציהענד. אין זיין ערשטען טייל פון רעפעראט האט ער אויסגעוויזען פון וואנען עס נעמט זיך בכלל נאהרונג. פארוואס עס קומט דער מענשהייט אזוי שווער אן דאס דערנעהרען זיך א.אז.וו. פאראלעל מיט דעם טעארעטישען איבערבליק פיהרט ד"ר אקסער אדורך אויפ'ן ארט א פראקטישען עקספערימענט פון דעם אלעם, ד. ה. דער צוהערער זאל זיך קענען שאפען א קאנקרעטע בילד פון דעם געזאגטען. אלץ ווערט געוויזען בילדלעך מיט וויסענשאפטליכע עקספערימענטען, אזוי אז דאס אודיטאריום ווערט פשוט געשפאנט פון די גייסטען און הויבען זיך אָש אויף פון די בענקלעך בעסער צו זעהען.

ד"ר אקסער בענוצט זיך א חוץ דעם מיט א צוגענגליכער פאפולערער שפראך, וועלכע זאל לייכט פערדייעט ווערען דורכ'ן עולם, וואס איז אין דעם פאל א גרויסע מעלה.

דער צווייטער רעפערענט פראפ. ל. רייכענטאל איז א געוו. מיטארבייטער פון דער ווירטשאפטליכער ביילאגע אין „מאמענט", וואו ער האט געשריבען זעהר אינטערעסאנטע ארטיקלען וועגען ארבייט און מלאכה, קאאפעראציע און קאאפעראטיווע בענק, וועגען דער נויטווענדיגקייט פון איבערשיכטען די יודישע בעפעלקערונג און הויפטזאכליך די יודישע יוגענד אין די קליינע שטעטלעך. ווי מיר זעהען איז פראפ. רייכענטאל א אונזעריגער, ד. ה. ער קען די נויטען פון די יודישע מאסען און איז א מומחה פון עקאנאמיע און קאלאניזאציע פראבלעמען.

וואס קומט אבער ארויס פון דעם אלעם, אז די היגע יודישע יוגענד האט א גאנץ קנאפען אינטערעס פאר די דאזיגע רעפעראטען. ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז די אלע פרעלעגענטען האלטען זייערע פארלעזונגען לשם אידעע, נישט נעמענדיג בעצאהלט פאר דעם, כאטש בלויז די צוגרייטונגען פערנעמען ביי זיי פיעל צייט.

ס'איז באמת צו בעוואונדערען, וואס די היגע יודישע יוגענד נוצט נישט אויס דאס דאזיגע אינטערעסאנטע געביעט. וואו זיי קענען פאר א גאר גראשען איינטריט זיך בעקענען מיט די אלע וויסענשאפטליכע צווייגען.

א שאד וואלט געווען, ווען צוליעב דער קליינער פרעקווענץ זאל די געז. „וויסען און פארטשריט" מוזען ליקווידירען די טעטיגקייט.

מאניפעסטאציע געגען די אנטי-פוילישע שיקאנעס אין דאנציג

זונטאג ארום 7 א זייגער אין אווענד האט א גרופע פון איניגע הונדערט פערזאן, וועלכע האט זיך צוריקגעקעהרט פון אנ'ענדעקישער פארלעזונג געבילדעט א דעמאנסטראציע אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע אנטי פוילישע ארויסטרעטונגען אין דאנציג.

די דעמאנסטראציע האט אדורכמארשירט די אלעען ביז צום מאגיסטראט-פלאץ, וואו א רעדנער האט אין א לענגערען רעפעראט געטאדעלט די ברוטאלע אנפאלען אויף די פוילישע סטודענטען אין דאנציג און די דייטשע שיקאנעס געגען פוילען.

די דאזיגע אנטי-דייטשע דעמאנסטראציע איז אויך אויסגענוצט געווארען צו אנפאלען אויף יודען. אזוי זענען בעת דער דערמאנטער דעמאנסטראציע בעפאלען און צושלאגען געווארען איניגע יודען אין פערשידענע טיילען פון דער שטאדט.

שווער בעצאהלט פאר גנב'ענען „שווארצע דיאמאנטען"

אויף דער באהן-ליניע טרעמבאטשעוו נעבען דער סטאציע דזיאלאשין איז דורך דער באהן-וואך בעשאסען געווארען בעת'ן גנב'ענען קויהלען פון א וואגאן דער 24 יעהריגער וואצלאוו פאלטינסקי פון טרעמבאטשעוו, וועלכער איז אין א שווערען צושטאנד אבגעפיהרט געווארען מיט דער באהן קיין שעראדז.

פון סוחרים- און פאבריקאנטען-פעראיין.

זונטאג, דעם 26 פ. מ. זענען פארגעקומען די עקזאמענס פאר דעם ערשטען ערגענצונגס-קורס פאר סוחרים און האנדעלס אנגעשטעלטע. די צייגנישען וועלען אין קורצען ארויסגעגעבען ווערען. דער צווייטער קורס ווערט געעפענט דעם 15 ד. מ. און וועט דויערן אזוי ווי דער ערשטער 4 מאנאט. איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין קאנצעלאריע פון פעראיין יעדען טאג פון 7—9 אווענד. עס איז אין אינטערעס פון סוחרים און האנדעלס-אנגעשטעלטע זיך מאסענווייז איינצושרייבען אויף דעם קורס.

פון דער יודענשטאטס-פארטיי.

זונטאג דעם 5-טען מערץ 4 א זייגער נאכמיטאג אין אייגענעם לאקאל פילסודסקי 23 וועט פארקומען א מיטגלידער-פערזאמלונג אויף וועלכער די חברים מ, רוזיעוויטש און אינגוש. מ. פייגין וועלען אבגעבען א בעריכט פון דער פארגעקומענער לאנדעס-קאנפערענץ.

פעסטליכער אויפטריט פון טשענסטאכאווער העלדען-טענאר הענריק קאטשינער

מארגען, שבת 8.30 אווענד קומט פאר אין „גראנד-קאפע" א דאנסינג, פערבינדען מיט אנ'פעסטליכען אויפטריט פון אונזער בן-עיר הענריק קאטשינער.

הענריק קאטשינער פערמאגט א העלדען-טענאר, וואס איז זעלטען בנמצא. בעת ער האט שטודירט אין ווארשא האט קאטשינער ארויסגערופען געוואלדיגע ענטציקונג ביי די מוזיק-מעלאמאנען, וועלכע האבען בעוואונדערט זיין פענאמענאלע שטימע.

אין טשענסטאכאוו טרעט ה' קאטשינער אויף צום ערשטען מאל עפענטליך און עס איז צו ערווארטען, אז די אלע, וועלכע ווילען הערען הערליך געזאנג און דערצו נאך פון אנ'אייגענעם, וועלען בעזוכען דעם זעלטענעם קאנצערט.

די מצבה-ענטהילונג אויפ'ן קבר פון בית"רי חיים שיליט ז"ל

צו דער ענטהילונג פון דער מצבה האט די מפקדת קן בית"ר צונויפגערופען דעם אוצרון בית"ר, מען האט געקענט זעהן פיעל פון די עלטסטע און פערזענליכע פריינד פון חיים שיליט ז"ל ווי אויך די עלטערן און משפחה פון פערשטארבענעם.

דער געוו. מפקד הקן גליקסמאן און אח זעלצער האבען דערמאנט די פערדינסטען פון נ"ע חיים שיליט פאר דער היגער ארגאניזאציע און דאנקען די בית"רים וואס האבען גענומען אויף זיך די איניציאטיווע צו שטעלען די מצבה וואס ס'בעווייזט, דאס דער בית"ר שאצט אב די ארבייט פאר איהר. דער פאטער פון פערשטארבענעם דאנקט דעם היגען בית"ר, וואס האט איהם ערמעגליכט אדורכצופיהרען די ענטהילונג און מיט'ן געזאנג פון בשוב ד' האט זיך די טרויעריגע פייערליכקייט פערענדיגט.

דעטאליסטען און קליינהענדלער!

די אנגעזאגטע בשורה דורך דער היגער אנטיסעמיטישער פרעסע וועגען איינפיהרען „א חודש האנדעל אהן יודען" הויבט זיך אן צו רעאליזירען. די ווירטשאפטליכע אבטיילונג פון דער ענדעקישער פארטיי האט ארויסגעשיקט לאסט אויטאמאבילען, פלאקאטען און אנדערע פאשקווילען, ווי אויך טראנספארענטען מיט ערנידערונגען לגבי דעם יודענטום בכלל און יודישען האנדעל בפרט, אונטער דער לאזונג פון נאציאנאליזירען דעם פוילישען האנדעל. צו אריענטאציע-צוועקען האבען די פוילישע סוחרישע ארגאניזאציעס פעראָרדענט ביי אלע איהרע מיטגלידער ארויסצוהענגען דעם בעקאנטען אויפשריפט „קריסטליכע פירמע".

די קליינהענדלער ארג. ביי אונז אין שטאדט, אבסערווירענדיג די געפלאנטע אקציע, האט אויף איהר לעצטער זיצונג בעשלאסען צו פראפאגירען דעם חודש מערץ אלס „ווערביר-חודש". די ווערביר-אקציע ווערט געפיהרט אונטער דער לאזונג: „אלע יודישע דעטאליסטען און קליינהענדלער — אין די רייהען פון זייער פראפעסיאנעלער ארגאניזאציע".

די פערוואלטונג האט זיך געשטעלט פאר אנ'אויפגאבע צו ווערבירען און צו ארגאניזירען אלע יודישע קליינהענדלער און דעטאליסטען אין אונזער שטאדט, וועלכע שטייען נאך מחוץ אונזערע רייהען און ארגאניזאציע, און אויפקלערען וועגען דער נויטווענדיגקייט צו זיין ארגאניזירט אין דער היינטיגער צייט. דאס וועט זיין א געגען-אקציע לגבי די פינסטערע עלעמענטען, וועלכע האבען זיך געשטעלט פאר אנ'אויפגאבע אויסצוראטען יעדע צווייג פון יודישען האנדעל, געפיהרט דורך אונז אין משך פון 100 טער יאהרען אויף דער טעריטאריע פון דער פוילישער רעפובליק.

פעסט ענטשלאסען מיט געמיינזאמע כחות פיהרען מיר דעם קאמף געגען עקסטערמינאציע, בארבארישע טהאטען און ווילען אויסצוווארצלען און ארויסצושטויסען דעם יודישען סוחר פון האנדעל. זאל די לאזונג פון חודש האנדעל און מלאכה אהן יודען אונז נישט שרעקען, נאר אלע זאלען זיך שטעלען אין אונזערע רייהען, בכדי געמיינזאם צו בעקעמפען די אנטיסעמיטישע טעאריע, וואס איז שעדליך פאר'ן מלוכה קערפער.

לויט'ן בעשלוס פון אונזער צענטראל-עקזעקוטיווע וועלען אלע מיטגלידער, וואס טרעטען אריין אין אונזער ארגאניזאציע בעת דעם חודש גענצליך בעפרייט זיין פון איינשרייב-געלד.

יעדער מיטגליד ברענגט אריין אין משך פון פראפאגאנדע-חודש אנדערע 2 נישט-ארגאניזירטע און רעגיסטרירטע ביי אונז מיטגלידער.

צענטראלע פון דעטאליסטען און קליינהענדלער פערבאנד אין פוילען, אבט. אין טשענסטאכאו.

דער שענסטער שלח-מנות

פורים איז פון קדמונים דער טאג פון שלח מנות. מ'שענקט מתנות קרובים און פריינד, דער עיקר אבער קינדער. נישטא אבער קיין מתנה, וואס זאל זיין ליבער, צוועקמעסיגער און דויערהאפטער און וואס זאל אין א גרעסערער מאס זיין א בעוויז פון אמת'ער גינציגקייט — ווי א פרעמירט ביכעל פון פ. ק. א. פון דער 6 טער סעריע. מיט רעכט האט זיך דאס פרעמירטע פ.ק.א.-ביכעל פערשאפט אלגעמיינע סימפאטיע ווי „דאס גליק-ביכעלע".

דאס פרעמיע-ביכעל פון פ.ק.א. איז גלייכצייטיג די פערנונפטיגסטע אסעקוראציע, צי ווען מ'גיט עס א מתנה קינדער, אדער ווען קינדער שענקען עס זייערע טאטע-מאמע. חוץ אבשפארונגען גיט דאס ביכעל אויך שאנסען צו געניסען פון פרעמיעס צו 500, 250, 100 און 50 זל. אריינלעגענדיג אויפ'ן ביכעלע צו 5 זל. א חודש, האט מען נאך 9 און א האלב יאהר 600 זל., ד. ה. מעהר ווי מ'האט איינגעצאהלט, און דערצו נאך די מעגליכקייט צו בעקומען א צוגאב-פרעמיע פון 400 זל. פאר אויסדויער אין שפארען. נאך דריי יאהר שפארען קען דאס פרעמיע-ביכעל דינען אויך פאר א הלוואה-קאסע אונטער'ן האנד, וואס קומט שטארק צונוץ אין דרינגענדיגע פאלען. נעמענדיג פאר א משכון דאס ביכעלע, גיט פ.ק.א. א הלוואה ביז 80 פראצענט פון איינגעלעגטען געלד; דער אייגענטימער פון ביכעל פערלירט אבער נישט דעם זכות צו בעטייליגען זיך אין דער פרעמיען-ציהונג.

קען דען זיין א שענערער שלח מנות פאר נאהנטע און טייערע, פאר קינדער, פריינד און קרובים!

שטערבליך פערוואונדעט דורך שיסען

צווישען די שכנים אין דארף מיעדזיצע באגאווסקי און קענדזיא איז אויסגעבראכען א סכסוך, בעת וועלכען דער לעצטער האט געשאסען דעם ערשטען אין קאפ.

אין א האפנונגסלאזען צושטאנד איז באגאווסקי אבגעפיהרט געווארען אין שפיטאל אריין.

Lakiernik-szprycer

z wieloletnią praktyką, lakierowanie aparatami, systemem nowoczesnym poszukuje posady od 1-go marca r. b.

Wiadomość w redakcji.

טעאטער-נאטיצען

(„גאלדענע זאנגען"—מוזיקאלישע קאמעדיע פון י. פערלאוו).

מיר וועלען דא נישט איבערגעבען דעם אינהאלט פון דער זאך און אויך נישט ארומרעדען די פאסירונגען און געשעהענישען פון די העלדען. פשוט דערפאר, ווייל ס'זענען אין דער קאמעדיע נישט פערהאן קיין קאמפליצירטע פראבלעמען, פסיכאלאגישע מאמענטען, אדער אזעלכע ערשיינונגען. מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס אנדערע פיעסען. דאס איז, אזוי צו זאגען, א שאפונג פון דער לייכטער מוזע, וועלכע האט אבער נישט דעם פערנעהם, דעם שוואונג, דעם שארפזין, עספרי, גראטעסק פון א קאמעדיע פון אייראפעאישע מחברים. „גאלדענע זאנגען" איז א יודישע קאמעדיע מיט א ספעציפיש יודישליכען לבוש און אלס אזעלכע וועלען מיר זי בעהאנדלען.

יצחק פערלאוו איז ביז לעצטענס געווען דער צושטעלער פון טעקסטען און לידער פאר דער יודישער קליינקונסט-ביהנע און אויך אויסגעפולט דעם רעפערטואר פון לאלא פאלמאנ'ס קאנצערטען. זיינע לידער און ווערטער, וועלכע רעדען צו דער יודישער יוגענד מיט א הארציגער, פאלקסטימליכער שפראך, געפונען שטענדיג, ביי די לעצטע דעם געהעריגען אבקלאנג. איצט האט זיך פערלאוו גענומען שרייבען גאנצע זאכען (אדער, אז מען וויל קען מען עס אנרופען: קאמעדיעס) און מען מוז זאגען דעם אמת, אז אלס א התחלה, איז עס גאנץ געלונגען. מיר רופען דאס אן גאנצע זאכען, ווייל ס'זענען אויך פערהאנען פארשטעלונגען, וואס זענען צוזאמענגעקלעבט, צונויפגעשטיקעוועט פון איינצעלנע נומערן, און דאך מאכט מען דערפון איין גאנצעס.

ס'איז אפשר געזונד און ווינשענסווערט אויפמערקזאם צו מאכען דעם יונגען דיכטער יצחק פערלאוו, אז דער בוי און סיזושעט פון די „גאלדענע זאנגען" האט אין זיך פיעל עהנליכעס פון זיין קאמעדיע „אבי מ'זעהט זיך". אויך דער סוף איז פילם-ארטיג אויפ'ן אמעריקאנער שטייגער מיט דעם בעריהמטען העפפי-ענד. דאס הייסט אבער נישט, אז די אויבענדערמאנטע קאמעדיע האט נישט קיין אקציע און איז אינהאלטסלאז. אדרבה, דאס בילד, וואס ער גיט אונז, פון די צוויי ברידער: דעם ישוב'ניק מיט זיין ארבייטסזאמקייט פשוט'ן, עהרלוכען לעבענס שטייגער—און דעם שטאדטישען פוסט און-פאסטניק מיט זיין בני-בית—איז נישט קיין ליטעראַרישע פאנטאזיום און זייערע העלדען זענען אויך נישט אויסגעזויגען פון די פינגער, נאר רעאל, היינטצייטיג, ווי מיר זעהען זיי אין אונזער טאג-טעגליכען לעבען. בלויז דער איינער העלד, דער פראלעטאריער, דעם ישוב'ניק'ס זוהן זעהט אויס צו זיין אביסעל איבערטריבען און ווי א צוטשעפעניש צו דער זאך. ווארום ס'איז שווער צו געפינען ביי א יודישען פועל אין דארף אזא הויך-קלאסען-בעוואוסטזיניגען סאציאליסט און דערצו נאך זאל ער אין זיין פריוואט-לעבען אויפלאדענען דעם גאנצען ארסענאל פון פראלעטאריש-סאציאליסטישען לעקסיקאן. ס'מאכט דעם איינדרוק, ווי נישט די פערזאן איז דא וויכטיג, נאר בלויז די רייכע שפע פון ווערטער און אויסדרוקען, וואס מען האט אריינגעלייגט אין זיין מויל, וועלכע רופען ארויס ביים עולם גרויס געלעכטער און הייטערקייט. דאגעגען דער גאנצער איבעריגער פערסאנאזש זענען שוין אלץ טיפען פון דער אלטעגליכקייט.

קורץ: אין דער רשימה פון אנדערע פיעסען, אפערעטען, קאמעדיעס, וועט פערלאוו'ס „גאלדענע זאנגען" אויך זיין א ביישטייער צו דעם נישט איבעריג רייכען רעפערטואר פון יודישען טעאטער.

* * *

לאלא פאלמאן האט אלס דעם ישוב'ניק'ס טאכטער, רחל, געשפילט אויסגעצייכענט גוט. זי פיהלט זיך אויף דער ביהנע פריי און זיכער. אלס זינגערין דארף מען שוין זיכער נישט צוגעבען, אז זי איז איינע פון די בעסטע אויספיהרערין פונ'ם יודישען פאלקס ליעד. א חוץ אלעם, דארף מען אויך צוגעבען, אז לאלא פאלמאן איז די קאמפאזיטארין פון די אלע לידער, וועמענס מוזיק ס'איז אזוי הארציג, אזוי מעלאדיש. מיט איהר איצטיגען שלאגער: „צווישען גאלדענע זאנגען איז געשטאנען מיין וויג, צווישען גאלדענע זאנגען האט מיין יוגענד געבליהט"—האט זי בעצווינגען דעם עולם מיטצוזינגען, וואס געלונגט זעלטען ווען.

א קאמפלימענט מוז מען מאכען דעם פארל ה' מאקסימאוו און פרוי ליבגאלד אין זייערע כאראקטער-ראלען אלס ישוב'ניק און זיין ווייב. זיי האבען זייערע ראלען אויסגעפיהרט פארוואורפלאז, שטיל, רוהיג, דיסקרעט, אהן די בעקאנטע מאקאראניזמען, וואס שאקירען און גרילצען אין די אויערן, האבען זיי די געשטאלטען געגעבען אזוי, ווי זיי זענען און דארפען זיין.

א גוטען טיפ האט אויך געגעבען ה' גרינהויז אין דער ראל פון דעם ישוב'ניק'ס שטאדטישען ברודער. זעהר גוט און מיט פערשטענדגיש פאר איהר אויפגאבע, איז געווען פרל. מעל אין דער ראל פון זיזי. ה' קערמאן — אלס אקווארעלי איז א ביסעל צו שטייף און טרוקען. די איבריגע, ווי: גאוואוויי, פרל. בעזמאן, ה' ש. בלאכער — אלס דארטישער סאציאליסט און הארט— אלס אלעקסאנדער האבען מיטגעהאלפען צום ערפאלג.

גוט אקאמפאנירט אויף דער הארמאניע און פארטעפיאן — האט די טאלאנטפולע פיאניסטין פרוי קאמיאנסקא-עפשטיין

מ. קויפמאן

א חודש האנדעל אהן יודען

די היגע ענדעקישע פארטיי געפינט
זיך אין קאמף מיט די יודען אויפ'ן
ערשטען ארט פון גאנץ פוילען. יאהר-
יעהרליך, ערב די חגאות, פלעגען איינ-
געארדענט ווערען „וואכען פון פוילישען
סוחר" מיט פיקעטען פאר די יודישע
געוועלבער און אויף די מערק.
היות די לעצטע וואכען האבען זיך
פונאנדערגעקלעבט געווארען הונדער-
טער גרויסע פלאקאטען מיט העצערישע
אנטיסעמיטישע לאזונגען אויסצומיידען
די יודישע געוועלבער און אזוי-ארום
צו פערפוילישען דעם האנדעל.
אויסער דעם זענען ארומגעטראגען
געווארען אין משך פון גאנצען טאג
אויף די היגע גאסען טראנספארענטען
בעוויזען אויפ'ן זאוואדזיער מארק
פיקעטען פון זייער געגנערישען לאגער,
האט די ענדעקישע פארטיי אין טשענ-
סטאכאוו, זיך צוגעאיילט און פראקלא-
מירט א „חודש פון האנדעל אהן יודען",
שוין פון 1-טען מערץ.
אין דער נאכט פון דינסטאג אויף
מיטוואך זענען אויף די מויערען פון
דער גאנצער שטאדט — וואס ס'איז
געוועהנליך פאליצייאיש פערבאטען —
און עס איז ארומגעפאהרען א לאסט-
אויטא בעקלעבט מיט די זעלבע
העצערישע פלאקאטען און די דארט-
זיצענדע ענדעקעס האבען געמאכט
פערשידענע אנטי-יודישע אויסרופען.
נעכטען דאנערשטאג ווידער זענען
איבער די גאסען פונאנדערגעוואָרפען
געווארען טויזענדער בּאָיקאָט-אויפרופען
און ליסטעס מיט אדרעסען פון קריסט-
ליכע סוחרים.

„TECHNOSIL"-A. SILBERSTEIN
Częstochowa, Al. Wolności 65. Telefon 18-60.
HURTOWA SPRZEDAŻ WĘGLA i KOKSU.
נוצט אוים א געלעגענהייט!
צוליעב דער ערעפנונג פון דעם הורט-סקלאד פון קויהלען און קאקס פון
דער בעקאנטער הורט-פירמע, קענט איהר בעקומען אין פערלויף פון דער וואך
די בעסטע קוואליטעט קויהלען פאר הויז-געברויך, ווי: „גיעשע",
„פלארא" און „פאריזש" צו הורט-פרייזען אנהויבענדיג פון א קליינער פוהר.
סאלידע בעדינונג. 100 פראצענטיג זיכערע וואג.
א בעזונדער גינסטיגע געלעגענהייט.

גרייט זיך צו דער רעוויע

שבת, דעם 11 מערץ ד. י. וועט אין
זאל פון די פייערלעשער פארקומען א
גרויסער רעווי-אווענט, אויפגעפיהרט
דורכ'ן דראמ. קרייז ביים י. ל. פרץ
קינדערהיים פון די בעסטע ארטיגע
אמאטארען כחות אונטער דער רעזשי
פון ה' א. פרץ.
דער אינהאלטסרייכער רעפערטואר
בעשטייט פון די בעסטע שאפונגען פון
די יודישע דיכטער און מוזיקער. עס
וועלען זיין: אינסצעניזאציעס, דעקלא-
מאציעס, סקעטשען, מאנאלאגען, פאלקס-
לידער, געזאנג און טענץ ווי אויך א
בעזונדערע הומאריסטישע אבטיילונג
געווידמעט לאקאלע און אקטועלע פרא-
גען. צו דער רעוויע ווערען געצייכענט
און צוגעגרייט דורך פראפ. אוריסאן
און קונסטמאלער נ. רובינשטיין ספע-
ציעלע דעקאראציעס, וועלכע וועלען
בעלויכטען ווערען דורך געהעריגע
ליכט-עפעקטען. די ארגאניזירונג פון
דער רעוויע איז אין פולען גאנג. די
איניציאטארען וואס גיבען אוועק פיעל
מיה און אנשטרענגונגען, זארגען דער-
פאר, אז די אונטערנעמונג זאל אויס-
פאלען אימפאזאנט און שטארק.
פון דעם פיעל פארביגען פראגראם
איז צו זעהן, אז דער עולם וועט קע-
נען פערברענגען עטליכע שעה אין
אנ'אנגענעמער, צופרידענער שטימונג,
פערגעסענדיג זיך אביסעל אין די טאג-
טעגליכע זארגען.

א 16-יעהריגער אונטערצינדער פאר'ן געריכט

דאס קרייז-געריכט האט בעטראכט
דעם פראצעס פון די איינוואוינער פון
דארף קולעי: דער 34 יעהריגער סטא-
ניסלאווא פושיבילסקא און איהר 16-
יעהריגער שטיף-זוהן יוזעף פושיבילסקי.
לויט'ן בעשולדיגונגס אקט האט יוזעף
פושיבילסקי דעם 7 דעצעמבער 1938
אונטערגעצינדען שטרוי אויף דעם בוי-
דעם פון זיינע עלטערנס הויז, צוליעב
וואס ס'איז ענטשטאנען א גרויזאמע
שרפה. די פלאמען האבען פערניכטעט
פושיבילסקי'ס הויז און שייערס.
די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט,
אז אין דער שרפה איז שולדיג סטא-
ניסלאווא פושיבילסקא, וועלכע האט
צוגערעדט דעם שטיף זוהן ארויסצורופען
די שרפה, מאכענדיג איהם אזוי ארום
פאר א בלינד ווערקצייג פון איהרע
פלענער. זי האט דערמיט געוואלט
בעקומען די אסעקוראציע פרעמיע אין
דער הויך פון 2,000 זל., מיט וועלכע
זי האט געוואלט אויפבויען א נייע הויז
אויף דעם זעלבען ארט און גלייכצייטיג
פטור ווערען פון איהרע לאקאטארען,
די פאמיליע קאלוויק, וועלכע האבען
זיגט א לענגערע צייט נישט געצאהלט
קיין דירה-געלד.
זי איז אבער געבליבען פולשטענדיג
ענטוישט; זי האט אוועקגעלאזט מיט'ן
רויך איהר פערמעגען און דערצו פער-
נומען די בעשולדיגונגס - באנק פון
קרייז געריכט.
אלס עדות איז אויסגעהערט געווא-
רען דאס פארפאלק קאלוויק, וועלכע
האבען ערקלערט, אז איינינע טעג
פריהער, איידער די שרפה איז פארגע-
קומען האט פושיבילסקא זיי ערקלערט,
אז זיי וועלען ביי זיי וואוינען נאך
דריי טעג און ווירקליך איז די פאר-
געזאגטע שרפה אויסגעבראכען פונקט-
ליך. נאכ'ן אויסהערען די איבריגע
עדות און די רעדעס פון די פערטיידי-
גער אדוואקאטען: יאאכים מארקאוויטש
מצד דער אנגעקלאגטער פושיבילסקא
און אפל. אדוו. גאלדוואסער מצד יוזעף
פושיבילסקי האט דאס געריכט אנער-
קענט זייער שולד פאר בעגרינדעט און
פערמשפט: סטאניסלאווא פושיבילסקא
אויף 18 חדשים תפיסה און יוזעף
פושיבילסקי'ן — איבערצושיקען אין
אויסבעסערונגס אנשטאלט.

די ארבייטס-בעדינגונגען און לויהנען פון די ארבייטער אין טשענסטאכאו

אין ארבייטס אינספעקטאראט איז
פארגעקומען א קאנפערענץ מיט פאר-
שטעהער פון בעזונדערע פראפעסיאנעלע
פצראיינען. דעם פארזיץ האט געפיהרט
דער ארבייטס אינספעקטאר ה' ראד-
לאווסקי. אמצאהלרייכסטען זענען געווען
רעפרעזענטירט די פראפעס אנעלע קלא-
סען פערא־ינען.
אינספעקטאר ראדלאווסקי האט ער-
טיילט די אנוועזענדע א רייה א נטע-
רעסאנטע ידיעות וועגען דער טעטיג-
קייט פון דער ארבייטס-אינספעקציע
אינ'ם פוריגען יאהר.
ווי ס'איז צו זעהן פונ'ם בעריכט
פון יאהר 1938 האט דער ארבייטס-
אינספעקטאראט אויפ'ן שטח פון טשענ-
סטאכאוו און פון פאוויאט רעגיסטרירט
142 קאנפליקטען אין דער ארבייטס-
וועלט, דערפון זענען 63 געווען פער-
בינדען מיט אנ'אקופאציע שטרייק און
2 מיט געוועהנליכע שטרייקען.
עס זענען אדורכגעפיהרט געווארען
250 וויזיטאציעס און 315 אנשטאלטען
אויף דער אלגעמיינער צאהל 860.
דאן האט דער ארבייטס-אינספעקטאר
בעקענט די אנוועזענדע מיט דער
טעטיגקייט פון דער סטאציע פאר מו-
טער און קינד, אונטערשטרייכענדיג די
שוועריגקייטען וואס ס'ווערען געמאכט
מצד דער גרויס אינדוסטריע. אין יאהר
1938 האבען די קאסטען פון דער סטא-
ציע עטראפען 65 טויזענד זלאטעס.

צווי פליטים האבען געעפענט א מילך-געשעפט

די צוויי פליטים מיענטקעוויטש און
ראזענצווייג האבען געעפענט א מילך-
געשעפט אויף ווארשאווער 29—27. אין
דעם געשעפט איז צו בעקומען: מילך,
קעז, פוטער, אייער א.ד.גל. זיי שיקען
אויך די סחורה לויט בעשטעלונגען אב
אהיים צים קונה.
די צוויי אינהאבער פון דעם ניי-
געעפענטען מילך-געשעפט ווענדען זי'ך
דורך דער פערמיטלונג פון אונזער
צייטונג צו דער יודישער געזעלשאפט
פון אונזער שטאדט זיי אונטערצושטי-
צען און מאכען זייערע בעשטעלונגען
אין דער אויבענדערמאנטער פירמע.

דער יעהרליכער „טאז"-באל

דעם 18 מערץ ה. י. קומט פאר אין
פייערלעשער-זאל די יעהרליכע טאנץ-
פערוויילונג פון „טאז". עס ווערט
צוגעגרייט א פערשידענארטיגער פרא-
גראם מיט אטראקציעס, צוו. אנד.:
וואהלען פון א „מיס-טאז" פון אלגע-
מיינעם (בחנמ'דיגען) פלעביסציט, ווי
אויך 4 הויף דאמען.
, ווער עס האט נישט בעקומען קיין
איינלאדונג צוליעב א פערזעהען, ווערט
געבעטען צו מעלדען אין סעקרעטאר-
יאט פון „טאז", בערקא יאסעלעוויטשא
נר. 3, טעל. 17 56.

צו דער אויפמערקזאמקייט פון די פעטענטען פון „בית לחם"

די פערוואלטונג פון „בית לחם"
מאכט אויפמערקזאם די פעטענטען אין
צוזאמענהאנג מיט'ן זיך דערנעהנטע-
רענדען פסח, אז זיי זאלען נישט אנ-
ווענדען קיין פריוואטע אינטערווענצען
ביי די פערוואלטונגס מיטגלידער אין
די וואוינונגען, כדי דאס אויסצומיידען
וועלען פון מאנטאג, דעם 6 טען ד. ח.
ביז שבת, דעם 12 ד.ח. פון 11 ביז 1
מיטאג אין דער נייער סינאגאגע אמ-
טירען פערוואלטונגס מיטגלידער, וועלכע
וועלען ערטיילען אלערליי אינפארמא-
ציעס און אננעמען איינשרייבונגען פון
פעטענטען.

נדבות פאר דער געז. „תומכי עניים"

פרוי עסקא פאמעראנץ צו דער
יאהרצייט פון איהר פערשטארבענע
מוטער פריידע ברוין 25 קילא ברויט.
ה' ש. אבראמזאהן צו דער יאהרצייט
פון זיין פערשטארבענעם פאטער 15
קילא ברויט.
ה' ז. קרעמפסקי צו דער יאהרצייט
פון זיין פערשטארבענעם פאטער 10
קילא ברויט.
ה' א. ניימאן צו דער יאהרצייט
פון זיין פערשטארבענעם פאטער 2 זל.

8 אטראקציע-קאמפען אין די ראה-מען פון מעטש מכבי (סאסנאוויץ)—מכבי (טשענסטאכאו)

קומענדען זונטאג קומט פאר א
מעטש פון די באקסער פון סאסנאוויצער
„מכבי" מיט'ן היגען „מכבי". דער
דאזיגער מעטש איז דער „קלו" פון
טשענסטאכאוו און זאגלעמביע, ווייל
די געסט זענען די שטארקסטע מאנ-
שאפט פון זאגלעמביע און דער היגער
„מכבי" — דא. די געסט קומען קיין
טשענסטאכאוו אינ'ם זעלבען צוזאמענ-
שטעל, וואס זיי האבען געוואונען די
ווייצע מייסטערשאפט פון שלעזיען. פון
דער פולער מאנשאפט פון די סאסנאווי-
צער באקסער פון פליגען-געוויכט ביז
צו דער שווערער וואג איז יעדער גוט
צוגעגרייט.
די קאמפען זאגען צו צו זיין זעהר
אינטערעסאנט און וועלען מסתמא צו-
ציהען א גרויסען עולם.

נישט-צושטאנד געקומען די זיצונג פון דער בורזשעט-קאמיסיע

דער היי־יגער שטאדטישער בודזשעט
ווערט צוזאמענגעשטעלט ביי שווערע
אומשטענדען. אזוי איז דינסטאג נישט
צושטאנד געקומען א וויכטיגע זיצונג
פון דער פינאנץ-בודזשעט-קאמיסיע,
אויף וועלכער די פארשטעהער פון די
בעזונדערע ראטמענער-גרופען האבען
געזאלט אנמעלדען אויסבעסערונגען
צום בודזשעט פרעלימינאר.

INŻYNIER z branży elektr.-radiowej i sportowej (rowerowej) wprowadzony we Lwowie i w woj. Małopolski Wschodniej **obejmie przedstawicielstwo.**
Pierwszorzędne referencje. Zgłoszenia pod R. E. w administracji

קאסע = בעריכט

פון הילפס-קאמיטעט פאר די פליטים פון דייטשלאנד

פון 1 ליסטאפאד 1938 ביז'ן 15 לוטי 1939.

איינקונפטען:

פון נדבות	20.123.46
„ רינג-קייט	2.842.–
„ נדבות אין שפייז-ארטיקלען	428 30
„ פראצענטען פון דער סוחרים-באנק	31.–
	23.424.76

אויסגאבען:

דער צענטראלע פון פליטים קאמיטעט אין ווארשא	3.000.–
אויסהאלטונגס קאסטען פאר די פליטים	10.406.19
דער פערמע פאר איינ-ארדנען די יונגע פליטים	75.–
איינמאליגע אונטערשטיצונג אויף איינארדנען זיך	730.–
דירעקטע הילף פאר זבאנשין	407.70
מעדיצינישע הילף	206.43
באהן בילעטען פאר פליטים	828.69
פארטא, נאטאר-קאסטען א"א	557.80
אדמיניסטראציע קאסטען	704.23
באאר אין קאסע	705.96
אין דער סוחרים באנק	5796.40
פון דעקלאראציעס	6.36
	23.424.76

ה. הערצבערג
סעקרעטאר

דר. י. הירשבערג
פארויצענדער

טשענסטאכאוו, דעם 16 לוטי 1939 י.

פארבערייי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאבריק און קאנטאר: ב. יאסעלעוויטשא 11
פיליע 2-טע אלעע 16 (הויז פון ה' א'מיך)
מענער = קראגענס ווערען ווייטער געוואשען
מיט דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ צום פרייז 12 גר.
ספעציאליטעט:
1) אויספרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) רעטאשירען
(ארויסנעמען פלעקען אהן רעשען אויפ'ן ארט), 4) כעמישרייניגען און פאסאגירען קאפעלושן.
די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון
דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין ווארשא מיט לאנגיעהריגער פראקטיק

Kino „BAŁTYK" אגראראנטא 14—16
מעכטיגע זיטען-דראמא
SKŁAMAŁAM
מיט יארוויגא סמאסארסקא און אויגעניוש באדא

תקון טעות

אין די גלייכווערטלעך פון דער
וואך פון היינטיגען נומער זענען צו-
ליב א פע־זעהען אריינגעפאלען פאל-
גענדע טעותים:
אנשטאט לך נתתיך דארף זיין: לך
נתתיה, אנשטאט ויקח אליך—ויקחו
אליך, אנשטאט מפני מה נתחייבו כלי
—נתחייבו כליה, אנשטאט שנהגה—
שנהגו.

פון י.א.ס.ק. „הפועל"

די פינג-פאנג מאנשאפט פון „הפועל"
האט די וואך געוויילט אין לעמבערג,
וואו זיי האבען אנטייל גענומען אין
די מייסטערשאפטען פון פוילען, צוזא-
מען מיט עטליכע 20 בעסטע קלובען
פון פוילען.
די באקס סעקציע טרעגירט רעגולער
און גרייט זיך צו צו עטליכע פער-
מעסטונגען.

דער טערמין פון קאנצערט פון „מכבי"-כאר

די פראבען פון מכבי-כאר קומען
איצט פאר נארמאל אין לאקאל פון
דער געזעלשאפט יעדען מאנטאג, מיט-
וואך און פרייטאג פון 8 א זייגער
אוועגד אונטער דער לייטונג פון פראפ.
ראזענבוים.
אין צוזאמענהאנג מיט'ן נאהנטען
טערמין פון ערשטען קאנצערט, דארפען
אלע מיטגלידער פון כאר רעגולער
קומען אויף די פראבען.

Kino „LUNA"
Tyron Power
Loretta Joung
Anna Bella
אינ'ם מאנומענטאלען קונסטווערק
SUEZ
דער צווייטער פילם—די פערמעסטונגען
פ.י.ס. אין זאקאפאנע

KINO „EDEN".
דאס פראנצויזישע קונסטווערק,
לויט דער בעריהמטער נאוועלע
פון סט. צווייג א.ס.
PIĘTNO
ZDRADY
רעזשי: וו. טורזשאנסקי

Kino STYLOWY
Aleja 27.
דער גרעסטער וועלט-שלאגער
ZŁOTOWŁOSA
מיט זשאנעט מאק דאנאלד
נעלסאן עדי.

Red. E. Bocian Częstochowa Aleja 6,
Wyd. B. Bocian i Sz. Frank
Druk. B. Bocian, Aleja 6